שנה ג'
נומער 159
**פרשת בא**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



ביים מאכן די סיום

# תנוכת הבית פון צווייטן בית המדרש היכל הקודש אין ספרינג וואלי

## צוזאמען מיט א סיום מסכת ברכות אין תלמוד ירושלמי ליל ששי פרשת וארא





שבת התוועדות פרשת וארא פאר די בחורי הישיבה וואס גייען נאך געלט

**גאסט ארטיקל:**
אין קאווע שטיבל

**א מעשה פון תפילה:**
צוריק באקומען דעם קול א דאנק תפילה

**פאר די ברסלבע' שטוב:**
דעם אייבערשטנ'ס סעקרעטארין

קריה
# ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM




3 בריוו צו די רעדאקציע — איבער די ארטיקל "הכרת הטוב"


8 גאסט ארטיקל — אין קאווע שטיבל


10 היכל הקודש נייעס — חנוכת הבית פארן בית המדרש היכל הקודש אין ספרינג וואלי


22 מיט א טיפערן בליק — מיין ערשטע תיקון הכללי


18 הילולא קדישא — יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע

29 די ברסלב'ע שטוב — דעם אייבערשטנ'ס סעקרעטארין


## זמנים Liberty
בא ו' שבט תשפ"ג

הדלקת הנרות......... 04:49
מוצאי שבת ............ 06:21

מנחה מעריב בשלה ... 06:05

## ברוכים הבאים!
מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל
**מו"ה נפתלי אפעלדארפער הי"ו**
**וזוגתו חנה מלכה תחי'**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל.

## מזל טוב!
מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה פנחס דוד וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו יענטא תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ניחום אבלים
מיר שיקן אונזער טרייסט וואונטשן פאר די חשובע משפחת
**מו"ה רפאל הכהן כ"ץ הי"ו**
**וזוגתו אסתר יוטל תחי'**
וואס טרויערן נאך די פטירה פון זייער מאמע / שוויגער מרת שטערן ע"ה

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 27 | 29°/17° | | Partly Cloudy |
| Sat 28 | 34°/19° | | Mostly Cloudy |
| Sun 29 | 33°/26° | | PM Snow Showers |
| Mon 30 | 31°/18° | | AM Snow Showers |
| Tue 31 | 27°/15° | | AM Snow Showers |
| Wed 01 | 27°/18° | | Partly Cloudy |
| Thu 02 | 27°/13° | | AM Snow Showers |
| Fri 03 | 23°/10° | | Snow Showers |



געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל״ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין

# בריוו צו די
# רעדאקציע

### איבער די ארטיקל "הכרת הטוב"

לכבוד די חשוב'ע מערכת "קרית ברסלב בלעטל" שיחיו, יישר כח פאר די הערליכע רייכע אויסגאבע וואס איר שטעלט אונז צו וואך איין וואך אויס, מיט פרישע חידושים און אפדעיטס, כן יעזור ה' הלאה.

די גאסט ארטיקל איבערן נושא פון הכרת הטוב דעם פארגאנגענעם וואך - האט מיך מורא'דיג באנומען, דאס איז דאך איינע פון די שיינע מתנות וואס מען באקומט אין היכל הקודש, דער באגריף פון דאנקען און שכוח'ן, דאנקען און שכוח'ן אן אויפהער; "שכוח אייבערשטער", "שכוח ראש ישיבה", שכוח פאר די ווייב, שכוח פאר טאטע מאמע, שכוח פאר טאטע (שווער) מאמע (שוויגער), שכוח פאר'ן גראסערי מאן, "שכוח פאר אלעס!" און שכוח פאר אלעמען, א. א. וו.

*

מיר הערן ביי די שיעורים און ליינען כסדר אין די בריוון ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז ווי ווייט מ'דארף נזהר זיין אין דעם שיינעם מדה, ווי אויך לעבן מיר כסדר מיט לעבעדיגע ביישפילן ווי דער ראש ישיבה ווייזט ארויס הכרת הטוב אין צייטן און מצבים וואס עס קומט צו שטוינען ווי ווייט דער ראש ישיבה צייכנט זיך אויס אין דעם מדה (צום ביישפיל, נישט לאנג צוריק, נאך סוכות ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך נישט גוט געשפירט ל"ע, האט זיך



דער ראש ישיבה מטריח געווען צו פארן אויף מאנסי צו א חתונה פון א תלמיד וואס זיין טאטע האט גאר געטריי באדינט מוהרא"ש זי"ע אין זיינע לעצטע פאר יאר).

*

בפרט איז דאס דבר בעתו, ווען מיר לערנען יעצט די פרשיות פון סיפור יציאת מצרים, ווי משה רבינו האט אונז אויסגעלייזט פון גלות, אז מ'רופט אים מיט'ן נאמען משה, כאטשיג ער האט געהאט נאך נעמען; אלס הכרת הטוב פאר בתי', ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש.

ווי אויך זעט מען אין די מעשה פונעם בערגיר ועני (וואס מיר לערנען יעצט אין ביהמ"ד עצתו אמונה) ווי די ווייב פונעם ארימאן האט געהאט הכרת הטוב צום בערגיר עד הסוף, זי האט קיינמאל פארגעסן ווי ער האט איר געהאלפן אין איר שווערע מצב.

*

על כל פנים, מיר דארפן נישט זוכן צופיל און צו ווייט צו טרעפן אין די בריוון ווי דער ראש ישיבה שרייבט כסדר נאכאמאל און נאכאמאל אז מיר זאלן זיך באפלייסן אין די מדה פון הכרת הטוב.

צום ביישפיל, אין "עצתו אמונה" פון פארגאנגענע וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א:

"בְּעֶרֶךְ צְוֵויי אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִּי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד

<<<<

גֶעוֶוען. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַּארְ'ן דְרַייוֶוער: וֶוען אֵיינֶער אִיז נָאוֹשֶׁעס, עֶס אִיבְּלְט אִים, בֶּעט עֶר דֶעם דְרַייוֶוער 'פָאר שְׁנֶעלֶער, וַוייל אִיךְ גֵיי כִּמְעַט אוֹיסְבְּרֶעכְן', אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, פָּאר שְׁנֶעלֶער וַוייל אִיךְ גֵיי שׁוֹין אוֹיסְפְּלַאצְן אִין אַ גֶעוֵויין, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן', אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

אָבֶער וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיוּן הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַזוֹי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּארְ'ן מִיךְ מְקַרֵב זַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פַּארְ'ן מִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן 'שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער' אוּן 'שְׁכּוֹחַ מוֹהֲרָא"שׁ' פַּארְ'ן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, פַּארְ'ן מִיךְ וַוייזְן אַ וֶועג צוּ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט תּוֹרָה, מִיט תְּפִלָּה וְכוּ' וְכוּ'".

(דאס איז ענליך צו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן אינעם בריוו פונעם סדר הנסיעה היי יאר צום הייליגן רבינ'ס ציון ראש השנה אין אומאן:

"כ"ז אֱלוּל, פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן גֶעפָארְן צוּם צִיוּן. מִיר הָאבְּן אַ בָּאס פוּן אוּנְזֶער בִּנְיָן צוּם צִיוּן וָואס פָּארְט יֶעדֶע פָּאר מִינוּט אַהִין אוּן צוּרִיק, אִיךְ בִּין אַרוֹיף צוּם צִיוּן מִיט אַזַא שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָּ' נָאכְאַמָאל צוּ זַיין בְּחַיִּים חַיּוּתִי בַּיים צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים צִיוּן, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעבֶּעטְן אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען").

ווי אויך שרייבט דער ראש ישיבה די וואך:

"פוּן דָארְט בִּין אִיךְ צוּגֶעפָארְן מִיט אַבְרָהָם נָחוּם נֵרוֹ יָאִיר צוּ מִשְׁפַּחַת בּוּרְשְׁטַיין שֶׁיִּחְיוּ. אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אַמֶערִיקֶע אַ מַתָּנָה, אַ שְׁפִּילְצֵייג פַאר דִי קִינְדֶער. פַאר זֵיי הָאבּ אִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע הַכָּרַת הַטוֹב, בַּיי זֵיי הָאט זִיךְ אַלֶעס אָנְגֶעהוֹיבְּן. בְּעֶרֶךְ פִיר יָאר צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר, אוֹיךְ הָאט מָרַת בּוּרְשְׁטַיין אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס אַרוֹיסְשִׁיקְן יֶעדְן טָאג חִיזוּק יוֹמִי, אוּן אוֹיךְ דָאס מְתַרְגֵם זַיין".

און אזוי ווייטער.

עס איז אוממעגליך צו ציטירן די אומצאליגע מאל וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט וועגן הכרת הטוב, אבער דאך וועלן מיר ברענגען עטליכע אינטערעסאנטע שטיקלעך פון בריוון ווי דער ראש ישיבה שרייבט איבער איינגארטיגע פעלער פון הכרת הטוב.

נאך די שבת התוועדות אדר ב' תשע"ו אין ראלי האטעל, האט דער ראש ישיבה באשריבן אפאר שטריכן פונעם שבת, צווישן אנדערע שרייבט דער ראש ישיבה:

"איינער האט מיך געפרעגט פארוואס איך האב באדאנקט דעם מענידזשער פון די האטעל, אמער - ער באקומט דאך באצאלט?! זאג איך אים, דאס איז די טעות פון מענטשן, זיי מיינען אז הכרת הטוב איז נאר ווען יענער נעמט נישט קיין געלט וכו', עס איז אבער נישט אזוי, נאר אויב איינער טוט דיר א טובה דארפסטו אים באדאנקען.

למשל דיין לענדלארד; דו צאלסט אים טאקע רענט, אבער למעשה געבט ער דיר א פלאץ וואו צו וואוינען און דו דארפסט אים דאנקען דערפאר, אדער א בעל הבית וואס ער שטעלט דיך צו ארבעט, דארף מען כסדר זאגן א יישר כח, חוץ פון דעם וואס דו וועסט האבן א טובה דערפון, אז ער וועט דיך לאזן נעמען וויקעישן און דו וועסט באקומען א רעיס".

ווי אויך ערוועהנט דער ראש ישיבה אינעם בריוו איבער א שבע ברכות וואס ער האט געמאכט פאר א משפחה וואס האט ארויסגעהאלפן מיט לעגאלע איינגלעלעגנהייטןביים עפענען די ישיבה, שרייבט דער ראש ישיבה אז די משפחה האט אים איבערגעגעבן אז: "מיר זענען די איינציגסטע וואס זענען זיי מכיר טובה, ווייל זיי טוען אסאך פאר בחורים און פאר מיידלעך, און בכלל פאר מענטשן, און שפעטער ווען די מענטשן סעטלען זיך פארגעסט מען פון זיי", און מען ווערט פארשוואונדן וכו', חוץ היכל הקודש וואס זיי זענען מכיר טוב, ווייל מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט מידות טובות, בפרט די מדה פון 'הכרת הטוב' האט מוהרא"ש זייער אסאך אריין געבאקן אין אונז, און מוהרא"ש איז געווען א חידוש אין דעם, הלואי זאלן מיר זיך אזוי פירן".

<<<<

אין א בריוו אום חודש ניסן תשע"ז שרייבט דער ראש ישיבה אין א בריוו:

"איך בין געווען פאריגע וואך איין נאכט אין שפיטאל מבקר חולה זיין א איד וואס איז געווען זייער נאנט צו מוהרא"ש זכרונו לברכה, איך בין געגאנגען מיט'ן חשבון צו זיין דארט מערסטנס א האלבע שעה, למעשה בין איך דארט געזיצן פאר פיר שעה, ווייל דער איד האט מיר דערציילט העריליכע זאכן וואס ער האט בייגעוואוינט ביי מוהרא"ש, נישט אזוי ווייט מופתים וואס די וועלט פארציילט פון רבי'ס - נישט אז עס פעלט מופתים צו דערציילן - נאר פון מוהרא"ש'ס לעבן; צוםביישפיל ווי שטארק מוהרא"ש האט געהאט אין זיך די מידה פון 'הכרת הטוב', ער האט מיר דערציילט העריליכע מעשיות ווי אזוי מוהרא"ש האט זיך באדאנקט פאר יעדן איינעם וואס האט אים געהאלפן.

ער איז געווען אין שפיטאל סיי ווען מוהרא"ש האט געכאפט די הארץ אטאקע ל"ע שביעי של פסח תשע"ב, און סיי די גאנצע צוויי וואכן וואס מוהרא"ש איז געווען אין שטוב און אין שפיטאל פאר ער איז נסתלק געווארן.

ער זאגט מיר אז ווען מוהרא"ש איז שוין געווען אויפן וועג אהיים נאכן הארץ אטאקע, מען האט אהיים געברענגט מוהרא"ש מיט א סטרעטשער, און מען איז שוין געווען אין עלעוועיטאר אויפ'ן וועג אראפ, האט מוהרא"ש געזאגט אז ער דארף צוריק גיין, ווייל ער דארף נאך איין נוירס באדאנקען, ער האט מיר פארציילט אסאך מעשיות, איך וועל נאך שרייבן דערפון אויף א צווייטע פלאץ.

דארפן מיר אויך זיך צוגעוואוינען צו לעבן מיט הכרת הטוב; דאס ערשטע הייבט זיך אן מיט טאטע מאמע. קינדער בדרך כלל פארשטייען נישט וואס טאטע מאמע זענען, ביז ווי לאנג זיי אליין האבן נישט חתונה און האבן קינדער. זע צו רופן דיינע עלטערן יעדן טאג, אונזער גרויסע רבי מוהרא"ש ז"ל פלעגט יעדן טאג נאכן דאווענען אהיים רופן צו זיינע עלטערן".

אזוי געפונען מיר בריוו נאך בריוו וואו דער ראש ישיבה שרייבט נאכאמאל און נאכאמאל איבער דעם העריליכן מדה פון הכרת הטוב.

אויף דערווייל וועל איך בעז"ה צוענדיגן מיט דעם פאלגנדן בריוו, וואס דער ראש ישיבה שרייבט אום חודש כסליו תשע"ט:

"איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר; אלע וואס העלפן די מוסד זע איך אין דעם זייער 'הכרת הטוב', אז זיי געדענקען וואס די מוסד האט געטון פאר זיי. דאס וואס איך טו, איך ארבעט טאג און נאכט מיט בחורים, אינגלעך און מיידלעך, אינגעלייט און ווייבלעך וכו' וכו' אן קיין שום אינטערעסע, דאס טו איך נאר ווייל איך געדענק וואס דער רבי האט געטון מיט מיר.

איך קום יעצט פון הייליגן רבינ'ס ציון; איך בין צוויי מאל געווען אין אומאן. מיר זענען אוועק געפארן פון אומאן פינף אזייגער פארטאגס צו כאפן די פליגער עלעף אזייגער פארמיטאג, אינמיטן וועג האבן מיר באקומען א ידיעה אז דער פליגער פארט הערשט אכט אזייגער ביינאכט, זענען מיר צוריק געפארן קיין אומאן; יעצט זיץ איך אין ערפארט פון אכט אזייגער, ווייל פון אכטע האט זיך עס אפגעשטופט אויף עלעף אזייגער ביינאכט.

וואס מיינסטו האב איך געטון אין אומאן? איך האב געזאגט פארן רבי'ן איין זאך: 'רבי, יישר כח פאר מיין לעבן!' דאס האב איך איבערגעזאגט נאכאמאל און נאכאמאל ווען טרערן פון שמחה זענען מיר גערינען פון מיינע אויגן. אויך אין יבנאל האב איך דאס געזאגט פאר מוהרא"ש: 'יישר כח מוהרא"ש פאר מיין לעבן'; איך וועל מיין גאנץ לעבן ווייטער משמש זיין מוהרא"ש און דעם רבי'ן - דערציילן פאר יעדן איינעם פון די זיסע לעבן וואס דער רבי געבט אונז".

און מיר דארפן גיין אין דעם הייליגן וועג, זאגן "יישר כח ראש ישיבה פאר מיין לעבן", און דערציילן פאר יעדן איינעם פון די זיסע עצות און שכל וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס.

*

עס קומט מיר יעצט ארויף אין געדאנק אז איינמאל נאך א ליל שישי שיעור איז מוהרא"ש צוגעפארן צו

<<<<

א חתונה פון א קינד למשפחת "גראס", פון גראס פרינטינג, אלס הכרת הטוב וואס זיי האבן געדרוקט די ספרים פון מוהרא"ש לאנגע יארן פארדעם; איך געדענק בשעת מעשה איז מיר דאס געווען א פלא, אויב איך געדענק גוט איז דאס געווען אין א שנייאיגע וועטער, און איך האב געטראכט צו מיר מיט וואונדער ווי מ'הערט אזא זאך... אן עלטערער רב וואס יעדע מינוט איז אים טייער, און גרויס כבוד וועט ער אויך נישט באקומען דארט... זאל גיין צו א שמחה פון א דרוקער...

***

אינעם בלעטל פונעם פאראנגעגענעם יום טוב סוכות, אינעם הערליכן ארטיקל "די היסטאריע פון קרית ברסלב חלק ב'", ווערט דערמאנט אז די ערשטע מאל עס ווערט דערמאנט די שטעטל אין די בריוו פונעם ראש ישיבה, אין ספר עצתו אמונה איז מוצאי שבת פרשת במדבר, ב' סיון, תשע"ז. האב איך געוואלט אנמערקן, אז א בריוו ווי עס ווערט דערמאנט דער "שטעטל" איז דאס טאקע די ערשטע, אבער מיט א קנאפע צוויי וואכן פריער דערמאנט דער ראש ישיבה שליט"א די שטעטל ברמיזה (אגב, האט דאס אויך א שטיקל שייכות צום אויבנדערמאנטע שמועס איבער הכרת הטוב...):

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת בהר-בחקותי, כ"ב אייר, שנת תשע"ז לפ"ק

מרת ... תחי'

א גרויסן יישר כח פארן מיר העלפן, און נעמען מיין ... ני"ו ווי לאנג מיין ווייב וועט קומען צו אירע כוחות; דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן מיט אלע ברכות, און איר זאלט האבן נחת פון אייערע קינדער געזונטערהייט.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס פאר א זכות איר האט אז איר העלפט די מוסד אז אלעס זאל גיין אזוי ווי עס דארף צו זיין; מיר דארפן טון דאס וואס מען האט געטון פאר אונז, אזוי ווי חז"ל דערציילן (תענית כג.) חוני המעגל האט געזען ווי איינער פלאנצט איין א באקסער בוים, האט ער אים געפרעגט: "ווי לאנג נעמט פון ווען מ'פלאנצט אזא בוים ביז עס וואקסט ארויס פירות דערפון?" האט יענער געענטפערט: "זיבעציג יאר", פרעגט אים חוני המעגל: "פשיטא לך דחיית שבעין שנין?" ביסט אזוי זיכער אז דו גייסט לעבן זיבעציג יאר? ענטפערט אים יענער איד: "כי היכי דשתלי לי אבהתי, שתלי נמי לבראי", אזוי ווי מיינע עלטערן האבן איינגעפלאנצט פאר מיר, פלאנץ איך איין פאר די קומענדיגע דורות; דער רבי זאגט אויף די גמרא (ליקוטי מוהר"ן, חלב ב', סימן ב) אז דאס גייט ארויף אויף צדקה, אז א מענטש דארף טון פאר די קומענדיגע דורות.

דערפאר זאלט איר זיך שטארקן און ווייטער ממשיך זיין צו העלפן אז מיר זאלן האבן א פלאץ פאר אונזערע קינדער וואו מיר וועלן זיי מחנך זיין אזוי ווי מוהרא"ש זכרונו לברכה האט אונז איבערגעגעבן פון הייליגן רבי'ן.

יעצט איז דא א שטיקל פלאן; אפאר משפחות ווילן זיך ארויס ציען אין א נייע פלאץ, און מיר וועלן אם ירצה השם דארט עפענען מוסדות פאר אונזערע קינדער - ונזכה ונחי' ונראה.

*

דער אייבערשטער זאל ענק העלפן איר זאל ווייטער קענען מהנה זיין כלל ישראל בכלל און אנשי שלומינו בפרט מיט דעם הערליכן אויסגאבע.

יואל שניצלער, קרית ברסלב



## איבער די ארטיקלען פון "צום פינטל" וואס איז שוין נישט דא א לאנגע צייט

לכבוד חברי מערכת "קרית ברסלב בלעטל" כל אחד בשמו הטוב יבורך.

איך האב שוין עטליכע מאל גענומען די מיה אייך צו שרייבן. עס טוט מיר לייד אז איך האב נישט קיין צייט, איך וואלט אייך געדארפט באמת יא מער געדארפט שרייבן, אבער עס קומט מיר נישט אויס. עס טוט מיר וויי אז ווען עס איז דא קריטיק דעמאלטס בין איך דא צוריק.

עס טוט מיר וויי אז איר האט ארויסגעלאזט אזא גוואלער שרייבער פון אייער בלעטל, איך פלעג מיך באלעקן מיט די ארטיקלען "צום פינטל" יעדע וואך. איך ווייס נישט ווער דער געלונגענער שרייבער איז. אבער אזויפיל געדענק איך אז דער אדענטיטעט פונעם שרייבער איז אלעמאל געווען לוטה בערפל... אננגעהויבן האט זיך עס נאך ווען ער האט נאך געשריבן אונטער א פענאמען... דערנאך ווען עס איז געקומען א בריוו פונעם מערכת אז מען זאל נישט צופיל נאך פארשטן ווער דער שרייבער איז... און פלוצלינג איז דער ארטיקל געבליבן אנאנים עס איז פשוט פארשווינדן געווארן דעם נאמען פונעם שרייבער... אבער א נחמה האבן מיר געהאט אז כאטש די ארטיקלען זענען ווייטער געפארן יעדע וואך.

די ארטיקלען זענען געווען אזוי זיס, אזוי רייך, זייענדיג אליינס א שרייבער האב איך דיסקוסירט מיט נאך פילע שרייבער, זייער אסאך האבן מודה געווען אז אזא פעדער האבן זיי נאכנישט באגעגענט... און איך אליין מוז מודה זיין אז איך בין באגאבט געווארן יעדע וואך פון פריש, איך האב נאך נישט אזא שרייבער נישט באגעגנט, איינער וואס די פעדער זאל אים אזוי גוט ליגן אין דער האנט.

איך פלעג באוואונדערן ווי עס פלעגט גיסן פון זיין פעדער האניג אנשטאט טינט... אזא רייכע שריפט, אזויפיל תוכן, הומאר, לצנותא דעבודה זרה, ועל כולם אז ער האט געשריבן אויף א שרייבערישן סטיל, מיט דעם אלעם איז עס נאך געווען אזוי הארציג און נאטורליך.

איין זאך האף איך אז מען האט אים נישט פארכאפט פאר גרויסע געלטער ביי אנדערע צייטשריפטן... וואס דעמאלטס איז עס חבל על דאבדין. אגב אויב יא וואלט איך געזוכט ווי איך קען ווייטער פארזעצן ליינען זיינע ארטיקלען...

ווי עס זאל נישט זיין אויב האט איר קאנטאקט מיט אים, ביטע געבט אים איבער אז פילע אידן לעכצן נאך זיינע האנטווערק.

אויב עס איז ביז יעצט שוין געווען א לערקייט אינעם עולם הליטעראטור, איז מיטן פארלירן דעם שרייבער נאך גרעסער געווארן דעם חלל אין די וועלט פון שרייבעריי.

הלוואי זאלט איר אים קענען משכנע זיין און צוריקברענגען צום טיש.

תחזקנה ידיכם

הכותב וחותם ידידכם וידיד בית ברסלב

י. י. ג.

מאנסי שיכון סקווירא יצ"ו



הערשל וויפער

## גאסט ארטיקל

# אין קאווע שטיבל

**מ'קען עס נישט אדוכלאזן!**

**מ'דארף איבערדרייען א וועלט!**

מ'דארף אויפשאקלען די אידישע וועלט, און ארויסגעבן דעם גאנצן אמת קליפ און קלאר! מיר לאזן זיך סתם טרעטן! ס'איז נאו זשאוקס, מ'דארף זיך אננעמען פארן כבוד פונעם ראש ישיבה, ס'איז א שפיל מיט פייער!

יענקי מאך דיר א קאווע און בארואיג זיך אביסל, יעדער דא אין קאווע שטיבל פארשטייט דיר זייער גוט, אבער איך מיין דו רעדסט פון היץ, אפשר ווייל דיין קאווע איז געווען צו הייס...

שלומי איך זע דו הייבסט נישט אן צו פארשטיין וואס דא גייט פאר, איך האלט עס ממש נישט אויס, יעדע מאל קומט מען אפיר מיט נייע לשון הרע'ס אויפן ראש ישיבה וואס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, ס'עסט מיר אויף לעבעדיגערהייט, ס'באדערט מיר זייער שטארק.

שלומי דו קענסט נישט געבן א מאך אוועק יענקי מיט איין ווערטל, מיר האט עס אויך אזוי געבאדערט אז מ'איז יעצט אויפגעקומען מיט א פרישע זאך אראפצורייסן דעם ראש ישיבה, וואס קען מען טאקע טון דא?

הערשי און שלומי איך פארשטיי בכלל נישט וויאזוי ענק שטייען אזוי רואיג אנגעלאנטערהייט און ענק שלוכן פיינע ווארימע קאווע, ווען אין די דרויסנדיגע וועלט באשמוצט מען דעם ראש ישיבה מיט אזעלכע מיאוסע און נידעריגע אויסגעטראכטע זאכן, און דו זאגסט נאך איך זאל מיך בארואיגן!!!

קול דאון, רילעקס, איך מיין דו ביזט שוין גענוג לאנג אין היכל הקודש יענקי, צו וויסן אז אזוי גייט עס, יעדע שטיק צייט קומט דער סמ"ך מ"ם מיט אן אנדערע טאקטיק וויאזוי צו באשמוצן דעם פלאץ, דאס איז עס, פעיס פעקט - זאגט מען אין ענגליש.

**וואס גיימער טאקע טון דא?**

אפשר ארויסגעבן א רייכע ארטיקל מיט אלע דעטאלן, און ארויסשרייבן דעם אמת'ן מציאות, אויפדעקן דעם פרצוף פון די פארשוינענע וואס בארעדן דעם ראש ישיבה, מ'וועט דאס צושפרייטן ביי די גרעסטע פאפולערסטע אידישע מאגאזינען וואס איז היינט דא אויף די אידישע מארקעט, אז מער וועלן זיך נישט דערוואגן צו רעדן קיין איין ווארט זייער גאנץ לעבן.

קען דאס זיין די עצה צו אונזער פארפלאנטערניש?

**אז מ'וועט פון זיי מאכן סדר**
**און אנלערנען די ביינער**
**און אריינגעבן א לעקציע א פיינער**
**אז וואגן זאל זיך קיינער**
**וועט עס צומאכן זייער מיילער?**
**פון אויסטראכטן לשון הרע'ס געמיינער?**

די גוי'אישע מידיע קומט כסדר ארויס מיט נייע קוריאזע געדאנקען וויאזוי צו באשמיצן אידן מיט די שענדליכסטע מעשים רחמנא לצלן, קומט מען נאכדעם ארויס מיט גרויסארטיגע פראפעסיאנאלע ארטיקלען אויפצואווייזן די ריינע אמת אויף די גאנצע וועלט.

**איז דאס די איינציגסטע**



**מהלך???**

לאמיר זען וואס זאגט דער הייליגער רבי, וואס איז אונזער עצה? וואס איז דער ריכטיגער מהלך?

רבי נתן איז אמאל געקומען צום הייליגן רבי'ן און ער זעט דער רבי זיצט און וויינט בדמעות שליש, רבי נתן געט א פרעג דעם רבי'ן: "רבי פארוואס וויינט איר אזוי?" זאגט אים דער הייליגער רבי: "איך וויין אויף דעם וואס מען האט אויסגעטראכט אויף מיר אזאנע לשון הרע'ס און מען בארעדט מיר מיט די ערגסטע זאכן". רבי נתן האט געטראכט צו זיך, איך פארשטייט נישט פארוואס דער רבי וויינט אזוי, וועם אינטערעסירט בכלל וואס יענער רעדט און וואס יענער זאגט, אבער שפעטער ווען רבי נתן האט געהאט אויף זיך גרויסע מחלוקת, און מען האט אויף אים גערעדט כל דבר אסור, האט ער געזאגט אז ער פארשטייט שוין פארוואס דער רבי האט דעמאלט אזוי געוויינט, ווייל ער האט געזען וויפיל מענטשן וואלטן געקענט מקורב ווערן און וויסן פון די הייליגע עצות און לעבן א חיים טובים, און נאר וועגן די אלע לשון הרע'ס ווילן נישט מענטשן הערן די חיזוק און לערנען די הייליגע ספרים.

ביי אונז שפילט זיך איבער די זעלבע מעשה, דער הייליגער רבי האט אונז געברענגט א מתנה "מחלוקת", און מען זעט אז געוויסע מענטשן זענען דאס מקיים מיט די גאנצע שטארקייט, מען רעדט אויף ברסלב כל דבר אסור, יעדע מאל מיט א פרישע אויפגעטראכטע מעשה, אויסגעזויגן פון פינגער, אן קיין הענט און פיס, אדער נעמט מען עפעס א מעשה, און מען לייגט צו דעם צו נאר איין קליינע ליגענט און דער דריטער לייגט צו נאך איין קליינע שטיקל צו די מעשה, ביז די מעשה באקומט שוין א לאנגע לאנגע בארד, און דער עולם גלייבט און מען נעמט עס אן.

אונזער עצה איז צו טון וואס דער הייליגער רבי האט געטון ווען מען האט גערעדט אויף אים, און דאס איז בעטן דעם אייבערשטן "**הייליגער באשעפער העלף אז אידישע קינדער זאלן נישט מקבל זיין די לשון הרע'ס וואס מען רעדט אויף דעם הייליגן פלאץ, און זיי זאלן יא וועלן אויסהערן די חיזוק פון רבי'ן, און די גאנצע וועלט זאל שוין אנערקענען אז עס איז דא איין איינציגע באשעפער וואס פירט די גאנצע וועלט, און נאר צו אים קען מען זיך ווענדן ווען מען האט א צרה**". דאס האט אונז דער רבי אויסגעלערנט צו טון, דאס איז אונזער עצה.

איך דערמאן מיך נאך א מעשה וואס קומט דא גוט אריין; רבי נתן איז אמאל געקומען צום רבין און דער רבי האט דאך גערעדט אזעלכע הארציגע שיינע דיבורים מען האט געשפירט אזא לעבטיגקייט אז דער אייבערשטער איז דא און ער הערט מיר אויס אלעס וואס איך רעדט צו אים, שפעטער ווען דער רבי האט געענדיגט רעדן האט רבי נתן געוואלט ארויסלויפן אין די גאסן און שרייען "רבותי דא געפונט זיך אזא רבי מיט אזאנע גוטע עצות אין לעבן, קומט אהער און הערט אויך אויס דעם רבי'ן, מאכט זיך נישט נאריש, וועקט אייך אויף פון טיפן שלאף".

דער רבי האט גלייך געכאפט וואס ער טראכט יעצט און ער גיבט זיך א רוף אן צו רבי נתן "**שטיי דא, וועסט נישט פועל'ן**".

די זעלבע זאך שפילט זיך איבער ביי אונזער מעשה דא, מיר ווילן אויסשרייען פאר די גאנצע וועלט אז דאס איז אויסגעטראכטע מעשיות אויסגעזויגן פון פינגער, אבער עס גייט נישט העלפן גארנישט, מען קען קיינעם נישט אויפווייזן, ווייסט וואס מען קען יא טון? דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט נאכדעם וואס מען האט געווארפן פאשקעווילן אויף אים אין די גאסן.

יארן צוריק נאכדעם וואס מען האט געעפענט די ישיבה איז געווען א שטיק צייט וואס מען האט געווארפן אין די גאסן פאשקעווילן אויפן ראש ישיבה, די בחורים זענען געווען צוהיצט אזוי ווי דיר, זיי האבן געוואלט איך ווייס נישט וואס טון, האט זיי דער ראש ישיבה דעמאלט געזאגט: ווילסט מיר העלפן? **ווייסט וויאזוי דו קענסט מיר העלפן יעצט? זעץ זיך אריין אין בית המדרש און הייב אן זאגן משניות, מיט דעם וועסטו מיר העלפן.**

**יא מיר ווייסן שוין פונקטליך וואס מ'דארף טון.**

# היכל הקודש נייעס

מאנסי

## חנוכת הבית פארן בית המדרש היכל הקודש אין ספרינג וואלי



פאראנגאנגענעם ליל ששי פרשת וארא איז פארגעקומען די חנוכת הבית פארן פרישן צווייטן בית המדרש היכל הקודש אין ספרינג וואלי בהשתתפות דער ראש ישיבה, צוזאמען מיט א שיינעם סיום אויף מסכת ברכות אין תלמוד ירושלמי, וואס מען האט געענדיגט דאנערשטאג.

עס איז געקומען צו פארן א גרויסע עולם פון אלע עקן, מיטצוהאלטן דעם שיינע מעמד חנוכת הבית און סיום מסכתא, אנשי שלומינו פון איבעראל פרייען זיך מיט צו דעם עפענונג פונעם בית המדרש וואס איז שוין דער צווייטער בית המדרש היכל הקודש אין שטאט.

אזוי ווי די שטאט מאנסי איז צושפרייט אויף איבער 7 מייל, און עס ממש נישט מעגליך אנצוקומען דאווענען אין בית המדרש שבת און יום טוב ווען עס איז נאר דא איין בית הדמרש אינעם גאנצן שטאט, האט מען צוליב דעם זיך צאמגעזעצט די חברים זען וואס מען קען טון דא, נאך אסאך תפילות פאר א גוטן פלאץ און א גוטע געגנט האט מען ברוך השם געפונען דעם פלאץ וואס איז איז זייער א גוטע געגענט און איז זייער א פיינעם געשמאקן פלאץ.

די גבאים פון בית המדרש האבן געבעטן דעם ראש ישיבה צו קומען פראווען דעם סיום מסכת ברכות אינעם נייעם בית המדרש, און דער ראש ישיבה האט דאס טאקע אנגענומען, דאנערשטאג נאכט איז די געוועןליכע אינגעלייט שיעור פארגעקומען אינעם נייעם בית המדרש, עס איז געווען צוגעשטעלט א ברייטע סעודה לכבוד די סיום, דער ראש ישיבה מיט אלע משתתפים האבן זיך געוואשן צום סעודת מצוה, דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם לעצטן דף און דערנאך געמאכט דעם סיום.

נאכן סיום האט מען געזינגען ניגונים פון תורה, דערנאך האט דער ראש ישיבה האט געגעבן א הערליכן שיעור די גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג מיטן וועג וואס דער הייליגער רבי' האט אונז געגעבן, און אפילו א כולל אינגערמאן וואס לערנט א גאנצן טאג מיט חברותות, דארף זיך אויך קובע זיין צו לערנען שיעורים כסדרן אויפן סדר הלימוד, ווייל עס איז דא אזויפיל טעג וואס מען האט נישט קיין כולל, מען איז טרוד מיט אנדערע זאכן און מען קומט נישט אן צו לערנען, דארף מען זען צו נעמען דעם סדר הלימוד, אזוי וועט נישט אדורך גיין קיין איין טאג אן לערנען תורה.

אויך האט דער ראש ישיבה פון נאך גאר שיינעם נושאים וואס לוינט זיך אויסצוהערן דעם גאנצן שיעור, מען קען עס הערן אויף קול ברסלב.

ברכת המזון האט דער ראש ישיבה מכבד געווען דעם מגיד שיעור מו"ה הערשל פריעדמאן הי"ו וואס לערנט פאר דעם דף גמרא אין בית המדרש יעדע נאכט.

בשעת מעשה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט הנאה פון די וועג וויאזוי ר' הערשל איז מקורב געווארן, נאכדעם וואס מען האט חוזק געמאכט פון א ניגון פונעם ראש ישיבה, און ער האט געוואלט הערן וואס דער ניגון איז, און פון דעם איז ער מקורב געווארן.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה אביסל געשמועסט מיט אנשי שלומינו פון דעם וואס מען רעדט לשון הרע'ס אויף היכל הקודש יעדע מאל א אנדערע אויפגעטראכטע מעשה, אויך האבן איינע פון די אינגעלייט געזאגט פארן ראש ישיבה אז ער ממש יעצט געבוירן א אינגל, דער ראש ישיבה האט זיך זייער געפריידט צו די גוטע בשורה און אים שיין אנגעוואונטשן.

אנשי שלומינו אין שטאט זענען ארויס מיט א געוואלדיגע חיזוק פון דעם באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א, און אלע האבן זיך פארגענומען צו אנהייבן לערנען יעדן טאג א דף בבלי א דף ירושלמי און א פרק תוספתא וואס דאס איז א בית נצחי.

<<<<

אמעריקע

## הערליכע פרויען פארטיס אין אכט באזונדערע שטעט אנגעפירט די לעידיס אקזילערי




בשעת ווען אין די פארגאנגענע יארן פלעגט מען מאכן בלויז איין פארטי, און מען האט בעיקר געצילט פרויען, שכנים, קרובים און באקאנטע, צוליב וואס עס זענען כמעט נישט געווען קיין פרויען פון אנשי שלומינו פאר וועם צו מאכן קיין פארטי, איז היינט ברוך השם אן אנדערע וועלט, די קהילה האט זיך צושפרייט אויף א גרויסן פארנעם קע"ה, דאס יאר האט מען געמאכט אכט באזונדערע פארטיס אין אכט באזונדערע שטעט, און מיטן וואוקס פונעם ציבור אנשי שלומינו צילט מען די פרויען פון אנשי שלומינו, וואס זענען ברוך השם ווארעם און פרייליך צו קומען און העלפן די הייליגע מוסדות וואס איז בנשיאות דעם ראש ישיבה שליט"א, וויסענדיג אז ווען מען העלפט די מוסדות טוט מען נישט קיין טובה פאר קיינעם אויסער פאר זיך, מען העלפט אז די אייגענע קינדער זאלן קענען באקומען דעם ריינעם אויסגעטערטעטענעם חינוך וואס די פריערדיגע צדיקים האבן אונז אויסגעטרעטן, און ווערט ווייטער געפירט אויפן זעלבן וועג דורכן ראש ישיבה שליט"א.

די טייערע פרויען פון לעידיס אקזילערי האבן צוגעגרייט א הערליכע פראגראם פארן ווינטער פארטי, מען האט אויפגעשפילט א הערליכע סלייד פרעזענטאציע, פון וואס עס טוט זיך היינט צוטאגס אין די הערליכע קהילה היכל הקודש, מען האט אויפגעשפילט א שיינע שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון א ערליכע פרוי וואס פירט די שטוב על פי תורה און איז אלעמאל גרייט פארן מאן מיט וואס ער דארף נאר, אויפן פלאץ איז געווען הערליכע ווערטפולע ראפעלס פאר א מינימאלע נדבה ווי מען האט געקענט ארייננגיין צו געווונען א פוד פראסעסאר, א גיפט סערטיפיקאט ביי טויס טו דיסקאווער, און א דשעי בי על ספיקער.

אויך איז געווען צוגעגרייט א "דאָר פרייז", א זיסע קלאס פיקטשער פון די קינדער.

די לעידיס אקזילערי ווערט אנגעפירט מיט גרויס געטריישאפט דורך די חשובע פרויען מאנשי שלומינו וואס האבן אנגעלאדענט אלע פרויען צו קומען אנטייל צו נעמען, און הנאה האבן א געשמאקע נאכט זיך מחזק זיין אינאיינעם.

די פארטיס זענען פארקומען אין אכט לאקאציעס ווי פאלגענד: אין בארא פארק אנגעפירט דורך די חשובע מרת קליטניק תחי', פארגאנגענעם דינסטאג ווארא, אין בית המדרש היכל הקודש בארא פארק.

אין שטעטל קרית ברסלב אנגעפירט  דורך די חשובע מרת היימליך תחי', די חשובע מרת אינדיג תחי', די חשובע מרת זוסמאן תחי', די חשובע מרת מזרחי תחי' , און די חשובע מרת יאקאבאוויטש תחי' (אשת ר' יוסף), פארגאנגענעם מאנטאג ווארא אין תלמוד תורה היכל הקודש 39 טשעסנאט סט.

אין סטעטן איילענד אנגעפירט דורך די חשובע מרת שווארץ תחי', פארגאנגענעם דינסטאג בא אין בית המדרש היכל הקודש אויף 24 ווילער עוו.

אין וויליאמסבורג אנגעפירט דורך די חשובע מרת אפעל תחי', פארגאנגענעם דינסטאג ווארא אין בית המדרש היכל הקודש אויף 27 סקילמאן סט.

אין טאמס ריווער אנגעפירט דורך די חשובע מרת רוטנער תחי' פארגאנגענעם דינסטאג ווארא.

אין מאנסי אנגעפירט דורך די חשובע מרת פריעדמאן תחי' פארגאנגענעם דינסטאג ווארא.

אין קרית יואל אנגעפירט דורך די חשובע מרת שניטצלער תחי' פארגאנגענעם מיטוואך ווארא.

אין קרית טאהש קאנאדא אנגעפירט דורך די חשובע מרת פעלבערבוים תחי' פארגאנגענעם דינסטאג ווארא.

**די וואס ווילן מנדב זיין אויפן טעלעפאן קענען רופן מרת אפפעל תחי' אויף 347-496-6683, מ'וועט קענען ארייננגיין אין די גורלות אויך דורך טעלעפאן.**

<<<<



אלוועלטליך

## אנשי שלומינו פראווען סיום מסכת נדרים על סדר הש"ס



די שמחה איז זייער גרויס מיטן סיום פון נדרים. אנשי שלומינו האבן געפראוועט א סיום אינדערהיים מיט די משפחה, ווי מען האט זיך געפריידט מיט די הייליגע תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, מען וועט דאנקען דעם אייבערשטן אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, ער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער און אונז געגעבן זיין זיסע תורה.

די וואס האבן נאך נישט אנגעהויבן ש"ס, אדער זענען ארויסגעפאלן אינמיטן די וועג, נוצן אויס דעם געלעגענהייט ביים התחלה פונעם שיינעם מסכת נזיר וואס מען יעצט אנגעהיבן, און פרישן זיך אויף און הייבן אן צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא, וואס דאס איז א שמירה פארן מענטש, און איז מסוגל צו אלע גוטע ברכות. עס איז א שאד צו ווארטן נאך דריי א האלבע יאר און אנהייבן ש"ס ווען מען הייבט אן פון ברכות, "אל תאמר כשאפנה אשנה שמה לא תפנה" וואס ווייסט א מענטש וואס וועט זיין מארגן. ענדערש הייבט מען אן יעצט נזיר, און זיי וועלן ענדיגן ש"ס אין זיבן א האלבע יאר ארום ווען זיי וועלן ענדיגן מסכת נדרים.

דער מדרש זאגט אז א טיפוש קומט אריין אין בית המדרש און קוקט אין דעם ספרים שאנק און טראכט "איך וועל קיינמאל נישט קענען ענדיגן דאס אלעס, עס איז צופיל", אבער א קלוגע מענטש זאגט "הייינט קען איך לערנען איין בלאט, וועל איך דאס טון", און אזוי קומט ער אן אביסל אויף אמאל צו ענדיגן זייער אסאך.

יעדער איד טראכט צו זיך "הלוואי קען איך ענדיגן ש"ס" קומט דער יצר הרע און מאכט דאס פאר א בארג "גאנץ ש"ס?!", און אפילו דער וואס שטארקט זיך דערויף און טראכט קלוג, און לערנט איין בלאט אויפאמאל, קומט דער סמ"ך מ"ם מיט א נייע טריק "דו מוזט אלעס פארשטיין, מ'קען נישט סתם זאגן", אזוי אז ווען ער קומט אן צו די שווערע בלעטער פון ש"ס, אדער ווען ער גייט דורך א שווערע צייט אין לעבן, מ'האט שמחות, טירדות, פאלט מען ארויס.

מוהרא"ש האט זייער ווי געטון אז מענטשן ווייסן נישט פון דעם סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אוועק געשטעלט. מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן מיט אונז דער שיחה אין שיחות הר"ן (סימן ע"ו) כי "אין צריכין בלימוד רק האמירה לבד", מוהרא"ש פלעגט זאגט "קענסט איבערטייטשן דעם שטיקל צו וועלכע שפראך דו ווילסט. דער רבי זאגט אז ביים לערנען דארפסט נישט מער פון זאגן די ווערטער, און דו וועסט עס שוין ממילא פארשטיין ביים צווייטן אדער דריטן מאל. און אויב דו וועסט עס דעמאלסט אויך נישט פארשטיין, שרייבט דער רבי דער לשון "מה בכך?", איז וואס? קוק נאך דער שיחה אינעווייניג.

יעצט איז מען זוכה אז דער באן פון ש"ס אויף וואס אנשי שלומינו זענען אינאיינעם ארויפגעשטיגן מיט דריי יאר צוריק אום טבת תש"פ קומט אן צו נאך א סטאנציע, מען ענדיגט ברוך השם דער לאנגער און שיינער מסכת נדרים, נאכן דורכגיין 1,117 טעג פון לערנען יעדן טאג א דף גמרא. אז מען מאכט א שנעלע חשבון האלט מען שוין ביי איבער פערציג פראצענט פון ש"ס דורכגעגאנגען אין די דריי יאר.

**כי הם חיינו ואורך ימינו**






Upstate home owner?
EXPERIENCED HOME TRANSFORMERS
Complete remodel
Extension
Basement / attic fix up
Kitchen / bath renovation
Sheetrock installation
Paint job
Flooring
Door & window replacement
Transform your home with KB Management! Our team of experts in residential construction and remodeling are dedicated to bringing your Sullivan County home to the next level with our attention to detail and commitment to excellence on projects big and small. Trust KB Management to elevate your living space.
FOR FREE ESTIMATE
CALL 845.637.5367
WhatsApp 718.306.2448
shlomie@kbmanagementny.com
KB GROUP
property management and construction team



# מעשיות פון תפילה

## ישראל יוסף שניטצלער - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער אז איך האב די זכי' צו זיין א מלמד, לערנען מיט אידישע קינדער און אריינלייגן און זיי יראת שמים, וואס דאס איז די העכסטע זאך אויף דער וועלט, ווי חז"ל זאגן: "ומצדיקי הרבים ככוכבים - אלו מלמדי תינוקות", דער אייבערשטער זאל העלפן איך זאל ווייטער קענען עוסק זיין אין די הייליגע ארבעט כל ימי חיי.

אפאר וואכן צוריק איז דער סמ"ך מ"ם געווארן זייער ברוגז אז דא זיצט א מלמד אין שטעטל און ער לייגט אריין אין קינדער יראת שמים, אמונת חכמים, אהבת חברים, און וואס נישט, ער האט עס ממש נישט אויסגעהאלטן, ביז ער האט געטראכט א מורא'דיגע געדאנק, ער גייט מאכן דער מלמד הייזעריג, אזוי וועט ער שוין נישט קענען ווייטער אנגיין מיט די הייליגע ארבעט.

אזוי האט ער טאקע געטון, פון איין טאג אויפן צווייטן בין איך געווארן זייער הייזעריג, איך האב ממש נישט געקענט רעדן, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון, אפשר אין אן אנדערע מוסד וואלט איך זיך געקענט אן עצה געבן, אבער דא אין דער ראש ישיבה'ס מוסד קען איך נישט נוצן קיין הענט, איך מוז צוריק האבן מיין קול, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך צוריק געבן מיין קול, איך זאל שוין נישט זיין הייזעריג, און שכח אייבערשטער אז מיין קול איז צוריק געקומען, און איך קען ווייטער אנגיין מיט די מלומדות בתוקף ובעוז!

## ישראל פוקס - קרית ברסלב:

איך האב געהאט א דזשאב אפאר שעה אוועק פון שטעטל, ווען איך האב געענדיגט די דזשאב האב איך זיך דערמאנט אז איך האב נאכנישט געדאווענט קיין מנחה, איך האב זיך שנעל אריינגעזעצט אין קאר און אנגעהויבן פארן, אינמיטן באמערק איך אז די דזש"י פ"י ע"ס זאגט אז איך דארף אנקומען אין שטעטל ערשט צוואנציג מינוט נאך די זמן ביז ווען מען קען דאווענען מנחה, איך האב זייער שטארק געוואלט דאווענען מנחה מיט מנין, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אנקומען באצייטנס נאך פאר מ'הייבט אן מנחה, יענע סעקונדע זעה איך ווי די דזש"י פ"י ע"ס זאגט אז איך קום אן צוויי מינוט נאך מ'הייבט אן מנחה.

אימיטן וועג איז געווארן טרעפיק, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די טרעפיק זאל זיך עפענען כדי איך זאל קענען כאפן מנחה, און ברוך השם די טרעפיק איז אוועקגעגאנגען, און איך קום אריין אין בית מדרש הגדול ד'קרית ברסלב אויף די האשקי' גאס און יענע רגע הייבט מען אן 'אשרי'...

## שלמה רוטה - קרית ברסלב:

א שטיק צייט צוריק האט די סקרין פון מיין טעלעפאן זיך אנגעהויבן אויסלעשן פון צייט צו צייט, איך האב געטראכט אז ס'איז א צייטווייליגע זאך אבער נאך א שטיק צייט האט זיך עס מער און מער אויסגעלאשן, איך האב פרובירט עס צו אנצינדן אבער גארנישט האט נישט געארבעט, און א טעלעפאן אן א סקרין איז קיין טעלעפאן... האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל מיך פארריכטן מיין טעלעפאן ס'זאל ארבעטן געהעריג אן זיך אויסלעשן יעדע פאר מינוט, און שכח אייבערשטער אז מיין פאון ארבעט שוין יעצט א מחי'.

## אלחנן זויבערמאן - וויליאמסבורג:

פארגאנגענעם שבת איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין ארץ ישראל האב איך געטראכט צו זיין שבת אין שטעטל, כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער אין שטעטל זאל מיך אריינעמען אויף שבת, און איך זאל האבן א פיינעם וועג אהין און צוריק, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, איך האב געהאט א פיינע אכסניא און א פיינע וועג.

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ג׳ שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ; טוּ אִיר נִישְׁט וֵויי אוּן זַיי אִיר נִישְׁט מְצַעֵר. סְתַּם זָאגְן טָאג אוּן נַאכְט: "אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ" - מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ; וֶוען מֶען שְׁפִּירְט יֶענֶעמְ׳ס וֵוייטָאג, **מֶען הָאט אַ גֶעפִּיל פַאר יֶענֶעם - דָאס אִיז אֱמֶת׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט.**

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי משֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל פוּן אַ שִׁיכּוֹר; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן גֶעהֶערְט וִוי אַ שִׁיכּוֹר שְׁרֵייט צוּ זַיין חַבֶר: 'אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ', אוּן יֶענֶער שְׁרֵייט צוּרִיק: 'אוֹיבּ דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ, זָאג מִיר וָואס בַּאדֶערְט מִיר', אוּן יֶענֶער שִׁיכּוֹר שְׁרֵייט וַוייטֶער: 'אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ', אוּן דֶער חַבֶר וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט אָנְגֶעטְרִינְקֶען שְׁרֵייט צוּרִיק: 'דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט לִיבּ, וַוייל דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט מִיר וֵויי, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן וָואס טוּט מִיר וֵויי, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ וִויסְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ בֶּאֱמֶת', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי משֶׁה לֵייבּ זי״ע אוֹיסְגֶעפִירְט: **'וֶוען אֵיינֶער שְׁפִּירְט אַ צְוֵוייטְן, עֶר הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז אַ סִימָן עֶר הָאט יֶענֶעם אֱמֶת׳דִיג לִיבּ'".**

גֵיי אַהֵיים צוּ דַיין וַוייבּ, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן גַאסְן-יוּנְגֶען; אַז דַיין חַבֶר הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס אִיז אִים נִמְאָס צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, עֶר זוּכְט מִיט וֶועם צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיינַאכְט - דַארְפְסְטוּ אִים נָאךְ נִישְׁט נָאכְטַאנְצְן. דוּ הָאסְט דָאךְ יָא אַ וַוייבּ, זִי וַוארְט אוֹיף דִיר, זִי וִויל אַ בְּרֶסְלֶבּ׳עֶ לֶעבְּן, זִי וִויל אַ לֶעבְּן אָן לֵיצָנוּת; פַארְשְׁטֵיי אִיר, פַארְשְׁטֵיי וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִיר, דָאס מֵיינְט אַז דוּ הָאסְט אִיר לִיבּ, נִישְׁט סְתַּם זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ'.

וואוּ הַאלְסְטוּ מִיטְ׳ן דַף גְמָרָא? וואוּ הַאלְסְטוּ מִיט מִשְׁנַיוֹת? אִיךְ וַוארְט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט; דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע חַיוּת, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים, וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע; אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

# א שיחה

פון דער ראש ישיבה שליט״א



## כיבוד אב ואם

אין א שמועס וועגן כיבוד אב ואם האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: איינער האט מיר געפרעגט וואס צו טון ווען זיין מאמע וויל מען זאל איר זאגן אויב די עסן איז געווען גוט, אסאך מאל איז עס נישט גוט, און איך וויל איר נישט מצער זיין און זאגן אז די עסן היינט איז נישט געווען גוט, וואס טוט מען אין אזא פאל?

האט דער ראש ישיבה געזאגט: דו זע אייביג צו זאגן נאר גוטע ווערטער פאר דיין מאמע, ווי למשל **"די עסן איז ממש א מחיה" "די עסן איז אזוי געשמאק"**, אזוי ווי דער 'תם' פלעגט זאגן פאר זיין ווייב "וואס פאר א גוטסקייט און וואס פאר א וואוילקייט דאס זופ איז".

ביים רבי'ן איז געווען "דרך ארץ" די ערשטע זאך, דער הייליגער רבי האט געזאגט: **"ווען קסרין און קעניגן וואלטן געוואוסט וואס פאר א דרך ארץ איך לערן מיט מיינע מענטשן, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען ביי מיר דרך ארץ"**, און דאס קען מען זען ביי תלמידי היכל הקודש ווי שיין זיי רעדן צו זייערע עלטערן מיט א דרך ארץ און ליבשאפט, בשעת ווען די אנדערע געשוויסטער רעדן נישט מיט אזא דרך ארץ - יעדער איינער לויט זיין מאס חוצפה, זעט זיך אן ווי שיין דער ברסלב'ער חסיד רעדט. עס איז נישט דא נאך אזא דרך ארץ און אזא כיבוד אב ואם אין די וועלט ווי ביי ברסלב'ע חסידים.



# א מעשה פון א צדיק

## אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָּה

רֶבִּי פֶּסַח לַאנְגְזַאם, דֶער טַאטֶע פוּן הֵיילִיגְן בְּנֵי יִשָּׂשׂכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר פָּשׁוּט, הָאט גֶעהַאט אַ פַאְרְם און אַ מִיהְל, דֶעמָאלְטְס אִיז אַרוֹיס אַ גְזֵירָה אַז אֵיין קִינְד מוּז מֶען גֶעבְּן פַאר דִי מִילִיטֶער, רֶבִּי פֶּסַח הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר דַארְף הָאבְּן דִי קִינְדֶער לֶעבְּן זִיךְ, וַוייל אֵיינֶער הֶעלְפְט אִים בַּיי דִי מִיהְל, דֶער אַנְדֶערֶער מִיט דִי קִיעֶן.

דִי מִילִיטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען דִי תֵּירוּץ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט, הָאט רֶבִּי פֶּסַח זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַ זוּן 'הֶערְשׁ מֵיילֶעךְ' [דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשׂכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ], עֶר אִיז אַ בַּאנְק קְוֶועטְשֶׁער, אִים קֶענְט אִיר נֶעמֶען.

עֶר הָאט גוּט גֶעווּאוּסְט וֶוער זַיין זוּן אִיז און וָואסְפַאַרַא הוֹיכֶע נְשָׁמָה עֶר הָאט, מְמֵילָא הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין אַ עֵצָה גֶעבְּן, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים גֶענוּמֶען צוּ דִי מִילִיטֶער.

דִי סֵדֶר בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין פָּארְאוֹיס צוּפִּיס, און זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִינְטֶער אִים, עֶר הָאט אַגַאנְצְן צַייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין דָא אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט רוֹצְחִים, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט".**



אִיז עֶר אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען פָּארְאוֹיס בִּיז עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַ וַואסֶער, וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם וַואסֶער הָאט זִיךְ דֶער בְּרִיקְל צוּבְּרָאכְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִינֶעם וַואסֶער, און זֵיי לִיגְן נָאךְ בִּיז יֶעצְט דָארְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשׂכָר אִיז דֶעמָאלְט אַנְטְלָאפְן אִין אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, און זִיךְ גֶעטוֹיִשְׁט דִי נָאמֶען אוֹיף שַׁפִּירָא.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִילָּה, אַז וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין וָואסְפַאַרַא צָרָה עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, פַאלְן דוּרְךְ דֶעם אַרָאפּ אַלֶע קְלִיפּוֹת און עֶר זֶעט אַ יְשׁוּעָה.

(קונטרס "הכרת הטוב")

# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס
# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

### - י"ח -

**פארזעצונג פון פריער:** גְלַייךְ נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה אִיז דֶער רֶבִּי אַ חָתָן גֶעוָוארְן צוּ דִי טָאכְטֶער פוּן הָרַבָּנִי הַנָגִיד רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס גָאר אַ חָשׁוּבֶער אִיד, פוּל מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאָה, מִיט אַ שֵׁיינֶעם יִחוּס.

***

רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ"ל הָאט אָרִיגִינֶעל גֶעשְׁטַאמְט פוּן דִי שְׁטָאט זַאסְלַאב, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין אַ דֶערְפְל אוֹסְיַאטִין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר רַייךְ, עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט עֶטְלִיכֶע דֶערְפֶער אַרוּם דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפְלֶעךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער דָארְף אוֹסְיַאטִין, אוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ בַּאזֶעצְט.

זַיין גוּטְן נָאמֶען הָאט גֶע'שֶׁמְ'ט אִיבֶּעראַל, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט דִי פִּילֶע צְדָקוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטֵיילְט, פִּילֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פְלֶעגְן אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים, אוּן עֶר הָאט יֶעדְן אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת. אוֹיךְ זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, מִיט אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע יִחוּס.

מְ'הָאט בַּאשְׁטִימְט דֶער דַאטוּם וֶוען דִי חֲתוּנָה וֶועט פָארְקוּמֶען אִין דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן, אוּן דַאן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִי רֶבִּיצִין, הָרַבָּנִית הַצַּדֶּקֶת מָרַת סָאשְׁיָא, אַ טָאכְטֶער פוּן דֶעם דֶערְמַאנְטְן רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ"ל.

נָאכְ'ן בַּאדֶעקְן דִי כַּלָה, פַּאר דִי חוּפָּה, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ זֶען וואוּ זֵיי הַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט עֶטְלִיכֶע אוּן גֶעזֶען אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זֶענֶען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אֵיין אִינְגֶערְמַאן, מִיטְ'ן נָאמֶען ר' שִׁמְעוֹן, אִיז יָא גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער, זַיין הַארְץ הָאט גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים הָאט עֶר קוֹדֶם אִים אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט חָכְמָה, אַזוֹי וִוי עֶר וִויל מַאכְן אַ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר וִויל טוּן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אָבֶער ר' שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט, עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִי זַאכְן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "בִּיסְטוּ דֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ? פַארְוָואס ווִילְסְטוּ נִישְׁט הַאקְן אַ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט?", הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר וִויל נָאר זַיין אַ תְּמִימוּת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר מֵיינְט עֶס טַאקֶע אֱמֶת'דִיג, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, "סְ'הָאט אַ פָּנִים אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ נָאךְ קֶענֶען".

דַאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִים, אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אִים דִבְרֵי מוּסָר אוּן הִתְעוֹרְרוּת, אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן זִיךְ פַארְנֶעמֶען נָאר מִיט עֲבוֹדַת ה', "סְפֶּעצִיעֶל אִיךְ, וָואס אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אִין מַיין יוֹם הַחוּפָּה, מְ'אִיז מִיר הַיינְט מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, דַארְף אִיךְ זִיכֶער מְפַשְׁפֵּשׁ זַיין אִין מַיינֶע מַעֲשִׂים אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין", אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם בִּיז צוּ דִי חוּפָּה.



לָאמִיר אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

פוּן דֶעמָאלְט אִיז ר' שִׁמְעוֹן גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער מְקוּרָב בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְעוֹרֵר גֶעוֶוען, עֶר פְלֶעגְט אִים צוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל אִים נָאכְמַאכְן, עֶר זָאל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן נָאר זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין עֲבוֹדַת ה', צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, "אִיר וֶועט זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן אִיךְ וִויל אַייךְ בַּאדִינֶען, אִיךְ וֶועל זַיין אֵייעֶר מְשַׁמֵּשׁ".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען מִיט יָארְן שְׁפֶּעטֶער, אַז ר' שִׁמְעוֹן הָאט אַסַאךְ בַּאדִינְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים בַּאדִינֶען אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# הילולא קדישא





## חלק א׳

## מוהרא"ש
## זכותו יגן עלינו
י"ב שבט תשע"ה

### די סגולה פון פערציג טעג מסכת תענית צו טרעפן א שידוך

בְּנוֹגֵעַ וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ סְגוּלָה פַאר בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען פֶערְצִיג טֶעג מַסֶכֶת תַּעֲנִית, דָאס אִיז פַאר דֶער וָואס קֶען; בָּחוּרִים וָואס קֶענֶען עִבְרֵי, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ', זֵיי הָאט מוֹהַרָא"שׁ גֶעמֵיינְט זֵיי זָאלְן עֶנְדִיגְן דִי מַסֶכְתָּא יֶעדְן טָאג פַאר פֶערְצִיג טֶעג. אָבֶּער אַז אֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט עִבְרֵי, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל, דֶער זָאל לֶערְנֶען אוֹיף זַיין וֶועג וִויפִיל עֶר קֶען לֶערְנֶען.

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, דִי אוֹיגְן טוּט דִיר וֵויי אוּן דִי עִבְרֵי נֶעמְט דִיר לַאנְג וְכוּ', זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוֹיף דַיין וֶועג; זָאלְסְט לֶערְנֶען וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, דָאס וֶועט זַיין דַיין סְגוּלָה אַ חָתָן צוּ וֶוערְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): **"אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אָדָם אֶת דַּעְתּוֹ לַשָּׁמַיִם"**, דֶער וָואס טוּט אַסַאךְ אוּן דֶער וָואס טוּט וֵוייניג - זֶענֶען בֵּיידֶע חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אוֹיף דִי הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן; נֶעם אַרַיין אִין דִיר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שה): "מֶען הָאט גָאר נִיט צוּ טָאהן", אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת צט.): **"תָּנָא דְבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל, דִּבְרֵי תוֹרָה לֹא יְהוּ עָלֶיךָ חוֹבָה, וְאִי אַתָּה רַשַּׁאי לִפְטוֹר עַצְמְךָ מֵהֶם"**; דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶע כְּלַל אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, גָארְנִישְׁט מוּז זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט פְּרֶעשׁוּר (דְרוּק) אַז עֶר דַארְף לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעמָאלְט לֶערְנְט עֶר גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין פְּרֶעשׁוּר נָאר עֶר וָואלְט גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל, וָואלְט עֶר בַּיים סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן.

עצתו אמונה בשלח תש"פ

### די סגולה פון אויסזאגן תהילים ביים ציון פון מוהרא"ש און דרוקן ספר אשר בנחל

עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאט אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מוֹהַרָא"שׁ הָאט זִיךְ דָאךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרַט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, וִוי זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, בָּחוּרִים זֶענֶען פוֹגֵם בִּבְרִית, רַחְמָנָא לִצְלָן; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער זֵיי צוּ מְחַזֵק זַיין, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, וִוידֶער מוֹהַרָא"שׁ הָאט דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים זֵיי צוּ מְחַזֵק זַיין, זֵיי שְׁטַארְקְן.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, עֶר וֶועט טַעְנָה'ן פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה: "וָואס זֶענֶען בָּחוּרִים שׁוּלְדִיג אַז זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת?!" דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהַרָא"שׁ צַוָואָה גֶעלָאזְט (צַוָואַת מוֹהַרָא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן






זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"; וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיטְ'ן דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל; דִי בְּרִיוו הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט דָאס אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע רְפוּאוֹת. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אָפֶענֶע רְפוּאוֹת.

עצתו אמונה יתרו תש"פ

## צוואת מוהרא"ש

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע נַארִישֶׁע חָכְמָה'לֶעךְ, דוּ וֶועסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (אות יג): **"וּכְשֶׁתַּגִיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל"**, וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד'; **"וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם"**, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, **"כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי"**, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיוּת, **"אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקָר הַלִּימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ"**, וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵין שָׁם.

עצתו אמונה יתרו תש"פ

## ווער ס'איז עוסק אין הפצה וועט האבן געלט אין טאש

אַ צַדִיק גֵייט אִין לֶעבְּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים גֵייט נִישְׁט אָן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, אִים שְׁטֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט מִיט אִים, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים לֶעבְּן אִיז עֶר שׁוֹין בַּיי זִיךְ **"שָׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָּיו"**, אַזוֹי וִוי עֶר לִיגְט שׁוֹין בַּאגְרָאבְּן, עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז יֶעדֶע רֶגַע גְרֵייט צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל אֵיין זַאךְ: 'אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר, עֶס גֵייט מִיר אָן אַז מֶען הַאלְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן תְּשׁוּבָה טוּן; דָאס וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַנְטְקֶעגְן דִי וָואס רֶעדְן אוּן מַאכְן חוֹזֶק פוּן מִיר, וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר מִיר אַלֵיינְס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן, נָאר דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גוֹרֵם אַז טוֹיזְנְטֶער אִידְן זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ זֶעסְט מֶענְטְשְׁן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען אִין וַואסֶער אוּן עֶס שְׁטֵייט אֵיינֶער אוּן וַוארְפְט זֵיי אוֹיס שְׁטְרִיקְן זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען, קוּמֶען לֵצִים אוּן שְׁנַיידְן אָפּ דִי שְׁטְרִיקְן אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין וַואסֶער וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן מִיט דִי לֵצִים? וִוי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי? וִוי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף זֵיי? זֶענֶען זֵיי נִישְׁט קֵיין רוֹצְחִים? דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵק צֶעבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס דֶערְטְרוּנְקֶען זִיךְ, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין זִינְד, זֵיי הָאבְּן נָאךְ אֵיין הָאפֶענוּנְג צוּרִיק צוּ קוּמֶען, דוּרְךְ דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים", וָואס זֶענֶען זֵיי? וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף זֵיי?

מִיט דֶעם אַלֶעם וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלִיטְן אַלֶע יָארְן פוּן דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף אִים, בֶּעט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאלְן נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחְלוֹקֶת אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶ**עם; אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט וַוייטֶער** (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, שָׁם): **"מִיט-דֶעם-אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין מַחְלוֹקֶת, אִיר זָאלְט נָאר שְׁטִיל שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי וָואס הָאבְּן מִיר פַארְשֶׁעמְט.**

עצתו אמונה יתרו תש"פ

## א שיעור אין מוהרא"ש'ס ספרים

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, / בִּפְרַט אִין מוֹהֲרָא"שׁ'ס בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה.



עצתו אמונה בשלח תש"פ



**זכות**
**תלמוד תורה**
**ירושלים**

חודשליך:
**5,000$**

וועכנטליך:
**1,250$**

טעגליך:
**180$**

# שותפים פראיעקט

ווי באוואוסט ביי כלל אנשי שלומינו האבן מיר זוכה געווען די לעצטע יאר צו עפענען מוסדות חינוך אין ארץ ישראל, און אזוי ווי באוואוסט איז די מוסדות אין ארץ ישראל אוועקגעשטעלט על טהרת הקודש בתכלית הקדושה, און מיר טוען זיך געגנצליך אפשיידן פון די ערב רב, און די גאנצע קאסט פון די מוסדות פאלט אויף דער **ראש ישיבה** שליט"א.

איבער דעם טוען מיר מודיע זיין, אז מיר שטעלן ארויס פארן ציבור אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר די זכותים פון די מוסודות איינגעטיילט חודשליך און טעגליך, כדי צו מזכה זיין אנשי שלומינו היקרים מיט די געוואלדיגע זכותים מיטן אויסהאלטן די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל.

צו נעמען א טייל אין די הייליגע מוסדות ביטע זיך ווענדן צו מוה"ר **אייזיק אפפעל** שליט"א, וועלכער איז געשטעלט געווארן דורך מורינו הראש ישיבה שליט"א אהערצושטעלן חודשליך די קאסט פון די מוסדות אין ארץ ישראל מקען זיך פארבינדן מיט אים אויף:646-302-8957







**זכות**
**תלמוד תורה טבריה**
חודשליך:
**1,200$**
וועכנטליך:
**300$**
טעגליך:
**72$**

אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן

# שותפים

שותפים פראיעקט - החזקת מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל

## על טהרת הקודש

בנשיאות מורינו **הראש ישיבה** שליט"א

**זכות**
**בית פיגא ירושלים**
חודשליך:
**5,200$**
וועכנטליך:
**1,300$**
טעגליך:
**360$**

בית חינוך לבנות על טהרת הקודש

# בית פיגא

עיה"ק ירושלים תובב"א
בנשיאות מורינו ראש הישיבה שליט"א



**זכות**
**ישיבה קטנה ירושלים**
חודשליך:
**1,800$**
וועכנטליך:
**450$**
טעגליך:
**180$**

מיט א טיפ און בליק

# מיין ערשטע תיקון הכללי




ישראל דוד העסקעל

**איך** בייס זיך די ליפן, איך זעה עס שוין ליגן פאר מיינע אויגן, איך דארף נאר אויסציען מיין האנט און איך איך האב עס... אבער ווען? ס'איז דאך נישטא ווען... באלד גייט ער שוין... און יעצט קען איך דאך נישט... באשעפער העלף!

די מעשה גייט שוין צוריק מיט אפאר חדשים אבער ביי מיר איז עס נאך פריש, איך נעם נאך פון דעם התחזקות, האב איך געשפירט אז ס'קען אפשר זיין אז א צווייטער וועט אויך קענען נעמען חיזוק פון דעם האב איך עס אראפגעשריבן און אריינגעלייגט דא צווישן די שפאלטענעס פון די קרית ברסלב בלעטל.

איינע פון די עיקרים אין היכל הקודש איז 'תפילה' רעדן צום אייבערשטן, דאס ברענגט א ריינע אמונה און דאס חזר'ט דער ראש ישיבה ביי כמעט יעדע איינציגסטע שיעור: "רעד צום באשעפער, בעט אים וואס דו דארפסט וועט ער דיר געבן", דער ראש ישיבה האט שוין געמאכט אסאך ניגונים אויף תפילה והתבודדות און ביי יעדער צוזאמקום און פארברענג אין היכל הקודש הייבט זיך אלס אן מיט א מעשה פון תפילה.

און דאס ברענגט שוין דער ראש ישיבה אריין פון די גאר קליינע קינדער זאלן זיין צוגעוואוינט צו רעדן צום באשעפער און בעטן פונעם אייבערשטן וואס זיי דארפן.



דא אין די בלעטל פארנעמט די קאלום "מעשיות פון תפילה" די אויבן אן, יעדע וואך איז דא גאר שיינע מעשיות פון תפילה פון אנשי שלומינו וואס געבט אריין אמונה אין די לייענער... דער ראש ישיבה האט שוין עטליכע מאל געזאגט און לעצטע וואך האט דער ראש ישיבה ביים באזוך אין בית הדפוס נאכאמאל גערעדט פון דעם אז די שענסטע חלק וואס ער האט די מערסטע הנאה פון די בלעטל איז די מעשיות פון תפילה פון די קינדער וואס דאס איז אזוי ריין מיט תמימות...

גלייך ווען איך בין מקורב געווארן האב איך געהאט זייער אן אינטערעסאנטע מעשה פון תפילה (כ'האב עס נישט אריינגעשיקט צום בלעטל ווייל כ'האב דעמאלט נישט געוואוסט אז אזא אויסגאבע עקזיסטירט...) אבער דאך, אפילו ס'איז נישט קיין פרישע מעשה פון די וואך איז עס ווערד צו דרוקן...



ס'איז געווען אפאר טעג נאכדעם וואס איך האב געהאט געהערט די ערשטע שיעור פון דער ראש ישיבה, ס'איז געווען די שיעור פון ליל שישי פרשת בלק לאברכים, און געליבט דער אייבערשטער זינט יענער שיעור האט זיך מיין גאנצע לעבן געטוישט צום בעסערן ב"ה, איך געדענק ווי איינער וואס האט מיר געזען הערן די שיעורים די צווייטע טאג נאכאנאנד... זאגט ער מיר: "דו הערסט די שיעורים - פיין און וואויל... אבער טו מיר א טובה איך וויל דיר נישט זעהן דא מארגן מיט א קליינע משניות"... איך האב נאך דעמאלט אפילו נישט געוואוסט פון די דרך הלימוד (ערשט א טאג שפעטער ביי א שיעור האב איך די ערשטע מאל געהערט וועגן די דרך הלימוד און ח"י פרקים) איין זאך האב געוואוסט - מארגן מוז איך קומען אין אפים מיט א קליינע משניות....

אויפ'ן וועג אין ארבעט האב איך געמאכט א סטאפ אין ספרים געשעפט, דער סוחר האט מיר דערקענט פון נעכטן ווען אין בין געווען קויפן א ליקוטי מוהר"ן, ער פרעגט מיר וואס איך זוך, זאג איך אים איך זוך א קליינע משניות... זאגט ער מיר: "קום אהער קוק, דו זעהסט די צוויי שעלווס דא?! דא ליגן "אלע" ברסלב'ער ספרים..." זעהט אויס אז דער ספרים סוחר ווייסט שוין אז משניות איז א ברסלב'ער ספר....

בקיצור, אין יענע תקופה אין די ערשטע פאר טעג ממש פון מיין התקרבות האב איך געמאכט התבודדות, נעבן מיין הויז איז דא א פארק, ביינאכט נאך מעריב אויפן וועג אהיים האב איך געכאפט א געשמאקע שפאציר אין די פארק און זיך אויסגעשמועסט אביסל מיטן אייבערשטן... אזוי רעדנדיג מיטן אייבערשטן זייענדיג אויף 'א היי' אז איך האב געטראפן אזא ליכטיקייט, איך האב א רבי א מורה דרך וואס ברענגט מיר צום אייבערשטן, ער מאכט מיר רעדן צום אייבערשטן, איך פשוט'ער פשוט'ער מענטש וואס האט זיך קוים אפאר טאג פריער געדרייט אויף דער וועלט אן קיין פלאן, אן וויסן פון תכלית ווי א בלינדער, מיינע אויגן האבן זיך פלוצלינג געעפנט!

איך שפאציר אזוי אין פארק און איך דאנק און לויב דעם אייבערשטן, פלוצלינג כאפ איך זיך אז איך האב אמאל געהערט אז די ברסלב'ע האבן עפעס א זאך וואס הייסט תיקון הכללי און דאס איז אלעס מתקן... איך האב אבער נישט געהאט קיין מושג וואס דאס איז בכלל, איך האב אפילו נישט געוואוסט אז ס'איז קאפיטלעך תהילים... איך בין געווען זיכער אז ס'איז עפעס קבלה זאכן...

בעט איך דעם אייבערשטן דארט: "רבונו של עולם, דו האסט אויף מיר רחמנות געהאט און מיך געגעבן א ראש ישיבה א מורה דרך וואס זאל מיר צו דיר ברענגען... די פלאץ וואו דו האסט מיר אריינגעלייגט זענען תלמידים פון הייליגן רבי'ן, דא איז דא עפעס א זאך 'תיקון הכללי' איך וויס נישט וואס דאס איז, אבער איך וויל עס זאגן! איך וויס אפילו נישט וואו איך קען דאס טרעפן... איך בעהט דיר באשעפער, שיק מיר אונטער פון ערגעץ א תיקון הכללי איך זאל עס קענען זאגן אז מיין נשמה זאל האבן א תיקון!"

אזוי האב איך עטליכע מאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל זייער שטארק זאגן תיקון הכללי און פון ערגעץ זאל עס אונטערקומען...

די נעקסטע צופרי בין איך געגאנגען דאווענען שחרית, איך האב פארשפעטיגט די מנין וואו איך דאווען געווענטליך, בין געגאנגען דאווענען אין א מנין פופצן מינוט שפעטער. למעשה איז יענע מנין געווען עפעס א אויסגעקוועטשטע מנין, מ'האט זיך געשטעלט פופצן מינוט שפעט מיט קוים 11 אידן... בשעת פסוקי דזמרה האט זיך עס אביסל מער אנגעפילט... סוף פסוקי דזמרה קומט אריין א מיטליעריגער איד פון די ספרדישע אפשטאם ער לייגט אראפ זיין טלית זעקל גראד נעבן מיר, און אזוי ווי ער ענדיגט אנטוהן טלית ותפילין הייבט אן ארויסקומען פון זיין טלית בייטל א גאנצע פעקל פון הייליגע זאכן, קטורת אויף קלף מיט קמיעות, אלע סארטן





תפילות ובקשות... אזוי באטראכטנדיג וואו ס'קומט ארויס איינס נאכן צווייטן זעה איך ווי ער ציט ארויס א קליינטשיגע תיקון הכללי!

עטס מיינטס די מעשה ענדיגט זיך דא? נע... מ'גייט שוין אט זאגן ברכו, איך מאך זיך א שנעלע חשבון אז אינמיטן ברכת קרי"ש גיי איך נישט זאגן תיקון הכללי... איך ווייס אפילו נישט ווי לאנג ס'איז, און נאכדעם איז שמונה עשרה און נאכדעם גייט ער עס זאגן מסתמא... בקיצור, איך געב זיך א וויקל אין אינעם טלית און איך בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, דא אין די חסידיש'סטע היימיש'סטע שול אין סטעמפפארד הילל וואס בדרך הטבע וואלט איך אין מיין לעבן נישט געטראפן קיין תיקון הכללי האסטו עס מיר דעליווערט איינס צו מיין פלאץ! אבער באשעפער העלף מיר ס'זאל זיך עפעס מאכן צייט דא אז איך זאל עס אים קענען בעטן, און איך זאל עס קענען זאגן.

מ'האלט שוין סוף הויכע שמונה עשרה, מ'זאגט שוין תחנון, ס'איז געווען אויף א דאנערשטאג, מ'האט געזאגט די לאנגע תחנון און איך בייס מיך די ליפן ווארטנדיג צו זען וואס דער אייבערשטער גייט דא מאכן...

מ'פארקויפט די עליות, מ'נעמט שוין ארויס די ספר תורה, איינער שטייט שוין ביים בימה גרייט אויסצורופן די עליות, יעדער איז שטיל, מ'ווארט... דער אינגערמאן ביים בימה געבט א רוף אויס: "בעל קורא?!"...

שא שטיל... קיינער רופט זיך נישט אן... אקעי, ס'איז א קליינע מנין, געב עס א מינוט וועט זיך שוין איינער אנרופן: "אהעם, איך בין נישט קיין בעל קורא... אבער... אהעם... אם אין איש... איך קען נישט אזוי גוט... דו וועסט מיר אונטערזאגן"... צום סוף שטעלט זיך געווענטליך אויס אז דער איז פיין צוגעגרייט.... בקיצור, מ'ווארט עפעס א עניו זאל זיך אנרופן, אבער ס'איז שא שטיל...

אזוי גייט דורך א מינוט צוויי און יעצט איז שוין מאדנע און אינטערעסאנט, אבער דער עולם האלט זיך ביי זייערס, קיינער גייט נישט צו, נאך דריי מינוט כאפ איך זיך: "העללא... דאס איז פאר דיר! האסטו געבעטן צייט און דער אייבערשטער געבט דיר! איך טראכט נישט קיין צוויי", איך לייג אלע חשבונות און בושת אין א זייט, איך דריי זיך אויס צו מיין שכן און איך ווייז אים אויף די תיקון הכללי, איך פרעג אים מיט די האנט אויב קען איך עס בארגן, ער ווייזט מיר "זייער גערן" און דאס איז געווען די ערשטע מאל אין מיין לעבן וואס איך האב געזאגט דעם תיקון הכללי!

איך האב פרובירט עס צו זאגן וואס שנעלער ווייל כ'האב נישט געוואלט אופהאלטן דעם איד... איך ווייס נישט ווי לאנג ס'האט מיר גענומען, אבער איין זאך ווייס איך: "אזוי ווי איך האב געענדיגט שפאצירט אריין א בעל קורא!"

דער מתנה פון תפילה און אמונה פשוטה וואס דער ראש ישיבה לייגט אין אונז אריין און לייגט אויף דעם אזא דגוש איז עפעס וואס טוישט א מענטש זיין גאנצע לעבן! ס'קען זיין אז די לייענער ווייסן אפילו נישט וואס איך רעד ווייל איר טוט עס שוין פאר יארן, אדער זענט איר גאר דא אויפגעוואקסן אין דעם הייליגן פלאץ און ווייסט אפילו נישט וואס מיינט לעבן אן תפילה והתבודדות, אן זיך דורכרעדן מיטן אייבערשטן, דאס איז אזא מתנה! היינט ווייס איך אפילו נישט ווי אזוי איך האב אמאל געקענט לעבן אן דעם... איך דאנק דעם אייבערשטן אז דאס האט אויך געקענט ווערן א חלק פון מיין לעבן און איך קען עס אריינלייגן אין מיינע קינדער אז זיי זאלן מיט דעם אויפוואקסן!

עד הנה עזרוני רחמיך... ולא עזבוני חסדיך...

שכח אייבערשטער אז דו האסט אויף מיר רחמנות געהאט און מיר געגעבן אזא לעכטיגע לעבן אין היכל הקודש מיט א מורה דרך וואס ברענגט מיר צו דיר אייבערשטער!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!!!**



# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 · DESIGN | 845.406.4250

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



מוהרא"ש ז"ע באזוכט אין קעמפ זומער תש"ע

1. מוה" יואל פארקאש שליט"א
2. שמואל מרדכי יאקאבאוויטש
3. ראובן בירנבוים
4. מוהרא"ש ז"ע
5. שאול גאנץ

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**



### א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## שבת קודש פרשת ויגש - תשפ"ג

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו עסן די סעודה ביי דער ראש ישיבה שליט"א שבת אינדערפרי פרשת ויגש תשפ"ג, איך וועל מיטטיילן אביסל וואס איך געדענק.

ווען איך בין אריינגעקומען אינדערהיים האט דער ראש ישיבה מיר אויפגענומען מיט א ברייטע "גוט שבת" און מיר אוועקגעזעצט ביים טיש.

מ'האט געהאלטן אינמיטן רעדן פון די נושא פון חתונה מאכן אין ישיבה, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "פארוואס מאך איך די גאנצע זאך פון ביליגע שמחות? נאר ווייל איך וויל אז מיינע תלמידים זאלן נישט אריינפאלן אין חובות".

און דער ראש ישיבה האט דערציילט: "אפאר יאר צוריק האב איך שפאצירט אויפן גאס, אינמיטן שטעלט מיך אפ א איד און פרעגט מיר אויף איינע פון די מתפללים: "ער דריידט זיך ביי דיר אין בית המדרש? דער מענטש איז א גנב, אפאר יאר צוריק האט ער בר מצוה געמאכט זיין זון און ער האט מיך געפרעגט אויב איך קען אים בארגן אפאר טויזנט דאלער פאר די בר מצוה, האב איך אים געבארגט די געלט, און ער האט מיך קיינמאל נישט צוריק באצאלט". האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ברוך השם אז אנשי שלומינו האבן שכל און צורייסן נישט זייער געלט פאר די פאר שעה ווען מ'מאכט א שמחה".

מ'האט סערווירט די פיש, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "לכבוד שבת קודש". דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיינע קינדער: "יעדעס מאל מ'זאגט "לכבוד שבת קודש" ווערט באשאפן נאך א מלאך.

איינע פון די בחורים האבן געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב ער האלט פון איינע פון די גרויסע משפיעים, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מוהרא"ש זאגט אז די וועלט זאגט א קעלבעל וואס זייגט פון צוויי מאמע'ס ווערט קרעציג, איך האב גענומען מוהרא"ש פאר מיין מורה

> **איך האב גענומען מוהרא"ש פאר מיין מורה דרך קען איך שוין נישט נעמען הדרכות פון א צווייטן**

דרך קען איך שוין נישט נעמען הדרכות פון א צווייטן".

צוויי קינדער האבן זיך געקריגט און איין קינד האט געשלאגן דעם אנדערן, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט שטרענגערהייט: "אין די הויז קען מען נישט שלאגן, אויב מען שלאגט גייט מען ארויס".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדער דארף דערציילן א מעשה פון תפלה, איין בחור האט דערציילט אז ער האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל עסן די שבת צופרי סעודה ביי דער ראש ישיבה, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז נעקסטע מאל זאל ער אויך בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל אויך עסן די ביינאכט סעודה ביי דער ראש ישיבה.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אינמיטן: "שכח אייבערשטער אז איך קען לערנען מיט מיינע קינדער זוהר".

נאך די טשולענט האט דער ראש ישיבה געזינגען זמירות, נאכדעם האט דער ראש ישיבה אויסגערופן: "אלע קינדער קומען צום טיש, מ'גייט יעצט טאנצן, ווער ס'קומט צום טיש גייט באקומען א גוטע זאך", אלע קינדער זענען געקומען צו לויפן, דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן טאנצן מיט זיי, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב: "דו געדענקסט ווען אונז האבן געמיינט אונז גייען נישט האבן קיין קינדער? עפעס א שטיקל משפחה איז געווארן..."

דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן געברענגט א בוך צום טיש און געבעטן דער ראש ישיבה זאל דערציילן די מעשה, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן דערציילן, אינמיטן די מעשה האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך זע ענק הערן מיך נישט אויס, נעקסטע וואך גייט מען ווייטער דערציילן די מעשה", און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן בענטשן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'מוז ענדיגן די סעודה ווייל מ'דארף שוין באלד לויפן צו מנחה.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע סעודה.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## קרית ברסלב ספרים סטאר

51 Twin Bridge Liberty NY 12754

מיר האבן א גרויסע אויסוואל פון אלע ספרים, ביכלעך און דזשודעיקא אייטעמס, פאר אייך און די גאנצע משפחה.

לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS

BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

## LOUNGE

computer + comfort

עם איז ברוך השם אנגעקומען א נייע סקענער וואס מען קען ניצן צו סקענען אויף אלע פארמאטן.

פאר אנווייזונגען רופט מרדכי היימליך




For all your handy work call Sruli Samet
**845-866-4101**

For all your Plumbing needs call Lazer Maintenance
**917-202-1206**

פאר די

# ברסלב'ע שטוב

ז. וויסמאנדל

# דעם אייבערשטנ'ס סעקרעטארין

צוויץ... צוויץ. די פענסטער איז צוביסלעך געפארבט געווארן מיט ליכטיגע קאלירן, באגלייט מיטן געזאנג פון די פויגלעך. שוין, אז נישט שלאפן גיבט מען איבער די טאג צו אייבערשטן.

מודה אני, נעגל וואסער, א ווארעמע טרונק וויאזוי בין איך מסביר מיין ווייטערדיגע טריט?

די ערשטע זאך עפעס ארויפשטעלן אויפן פלאם, ס'זאל זיין עפעס ווארעמ'ס אריינצונעמען אין מויל פאר מיין חשובע מאן און די קינדער, נאכדעם גיי איך אנשטעלן א לאדן וועש.

געטראכט און געטון, א טאפ זופ קאכט זיך שוין, און איך גיי אריין אין וואש צימער.

וואו וואו. אזא בארג וועש! שכח אייבערשטער!! איך נעם עס סארטירן און מיינע מחשבות נעמען זיך פלאנטערן איינער אינעם צווייטן, פונקט ווי די וועש. "קענסט מיר זאגן פארוואס דו וואשט עס בכלל אויס? נאר כדי עס זאל ווערן צוריק שמוציג? און נאכאמאל וואשן, און נאכאמאל אנטון, און ווידער אויסוואשן, טרוקענען, צאמלייגן, ביגלען. האסט ארויפגעשטעלט א טאפ זופ? ביז ביינאכט איז נישטא קיין זכר דערפון. נאכאמאל רוימען, וואשן, קאכן, באקן..."

**וואס איז מיין ארבעטס שטעלע??**

<<<<<



גוט מארגן קינדער! מ'גייט שוין גיין אין חדר!

**מען קען שוין אויפשטיין?**

**איך וויל נאך שלאפן!**

**די נעגל וואסער איז קאלט.**

**וואו איז די בילד וואס איך האב נעכטן געמאלן?**

**איך וויל נישט היינט אנטון די קלייד!**

ברוך גיסט זיך אפ נעגל וואסער - א צדיק.

אה, נחמן נתן איז א גרויסע אינגל, ער טוט זיך שנעל אן.

פייגעלע, וואס א מאמע הייסט אנטון טוט זי גלייך אן.

אה טאטי, גוט מארגן.

**מאמי איך זעה מיר האבן ברוך השם געזונטע קינדער, וויאזוי גיבסטו זיך אן עצה היינט, נאך דערצו מיט די ציין ווייטאג?**

שכח טאטי, איך מיין אבער אז דו דארפסט זיך נישט אויפהאלטן פון דיין דאווענען און פון לערנען דיינע שיעורים, דער אייבערשטער וועט העלפן איך וועל מיר אן עצה געבן מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

שכח אייבערשטער אז די קינדער זענען פרייליך צו גיין אין חדר עס וועט זיין גוט.

אה, ברוך איז שוין אויפגעשטאנען, קום זיך שנעל וואשן און אנטון.

**"מאמי" קענסט מיר העלפן זוכן די בילד וואס איך האב נעכטן געמאלן?**

"שעפעלע" איך האב יעצט נישט קין כח עס צו זוכן, מיין צאן טוט מיר זייער וויי, אלע קינדער קומט צוזאמען בעטן דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער העלף, אז מאמי'ס ציין זאל אויפהערן וויי טון".**

שוין, קומט אלע אהער צו מאמי, איך וועל ענק מאכן די האר און געבן עפעס צו טרינקען כדי צו זיין גרייט צו גיין אין חדר און סקול.

ברוך, ווען דו וועסט אהיים קומען פון חדר וועל איך דיר מיטן אייבערשטנס הילף העלפן זוכן די בילד וואס דו האסט געמאלן.

א גוטן טאג קינדערלעך! זייט מצליח!

שוין, שכח אייבערשטער די קינדער זענען ארויס אין חדר און סקול.

דערווייל האט זיך די ציין נישט בארוהיגט. און ער לאזט זיך שפירן אויף הויכע טענער.

"האב נישט מורא מיין טייער צאן, איך האב נישט פארגעסן פון דיר, יעצט גיי איך זוכן א בעביסיטער פאר שלוימי און איך גיי צום דענטיסט".

די בעביסיטער קעגן איבער איז נישט אוועילעבל, מיין שוועסטער איז א קימפעטארן, איך וועל פרובירן ביי כהן, אפשר זי וועט קענען אים האלטן פאר א שעה - א שעה א האלב.

**הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל טרעפן א גוטע בעביסיטער פאר שלוימי, איך זאל קענען רוהיג גיין פארריכטן מיינע ציינער.**

שכח אייבערשטער, כהן קען אים נעמען, לאמיר אלעס צוגרייטן.

צדיק'ל קום צו מאמי, קום עסן עפעס און דערנאך גייט מען גיין צו א מומע, באלד וועט מאמי דיך קומען אויפפיקן.

***

ענדליך ענדליך טרעף איך זיך אויפן וועג צום דענטיסט און איך טראכט צו מיר:

"ס'וואלט נישט געווען גרינגער אזא פרימארגן מיט ציין ווייטאג ווען דו וואלסט נישט געהאט קיין קינדער??"

איך פרוביר צו פארטרייבן די שלעכטע מחשבה אבער אן הצלחה, דער געדאנק קומט צוריק און באזעצט זיך פונקט אינמיטן מיין מח: שטעל זיך פאר דו וואלסט נישט געדארפט צושטעלן ווארעמע עסן - ווייל במילא נאך א ציין בהאנדלונג קען מען נישט גוט עסן, וועש? אפגערעדט אז דו וואלסט געהאט אסאך ווייניגער וועש צו מסדר זיין, און בכלל, דער אויסרישן צופרי, אנטון די קינדער, זיי וואשן נעגל וואסער, אנגרייטן עסן, טרינקען, יא פרייליך נישט פרייליך, יא געטראפן נישט געטראפן, זוכן א בעביסיטער, א קערידזש, ארויף די טרעפ אראפ די טרעפ, ער וויל יא עסן ער וויל נישט עסן, ער וויינט אז ער וויל גיין נאר צו מאמי...

ווען איך וואלט נישט געהאט קיין קינדער וואלט איך אויפגעשטאנען צופרי, זיך צוגעגרייט, איך וואלט זיך געזעצט אויפן קאוטש ווארטן ביז ס'ווערט 10:30 און ארויס צום דענטיסט, צו וואס פעלט מיר אויס די גאנצע גערודער יעדן צופרי?

שוין, שכח אייבערשטער איך בין שוין אנגעקומען צום דענטיסט, איך האב נישט יעצט קיין געדולד זיך צו



שלאגן מיט די אלע מחשבות וואס לויפן מיר נאך, זאלן זיי בוזשעווען אין מח לחיים ולשלום.

ביז דערווייל וואס איך ווארט אין די רייע קוק איך זיך אביסל אום אין די קליניק, און איך באמערק ווי די סעקרעטארין האלט אינמיטן מסביר זיין פאר א פרוי וואס פונקטליך די אינשורענס דעקט און וואס נישט, ווען פלוצלונג געבט זיך דער טעלעפאון אונטער איר א צוקלינג, זי הייבט אויף און זי באשטימט פאר איינעם אן אפוינטמענט, א צווייטער (בעצם איז דאס שוין א דריטער) קומט צו צו איר באצאלן אויף א באהאנדלונג וואס זי האט נארוואס באקומען, יעצט שטייט שוין דארטן נאך א פרוי (א פערטע אדער א פיפטע?...) און זי בעט צו קענסלען אן אפוינטמענט און באשטימען א נייע, בקיצור, די סעקרעטארין איז ממש באווארפן מיט ארבעט.

שוין, ענדליך איז אנגעקומען מיין רייע, איך שעפעש שטיל: **"הייליגער באשעפער העלף אז ס'זאל גיין גרינג און געשיקט, אריין און ארויס".**

די דענטיסט מאכט ברוך השם א גוטע שנעלע ארבעט, עפן די מויל פארמאך די מויל, זי פארשלאפט מיר א האלבע מויל, שטעכט, דרילט, ווישט, רוימט, שווענקט, שכח אייבערשטער די באהאנדלונג האט זיך געענדיגט.

**און בכלל דער אויסרישן צופרי', אנטון, וואשן נעגל וואסער, אנגרייטן עסן, טרינקען, יא פריילין, נישט פריילין, יא געטראפן, נישט געטראפן, זוכן א בייביסיטער, א קעריטש, ארויף די טרעפ אראפ די טרעפ...**

איך טרעף זיך אינדרויסן פון צימער אויף די פרישע לופט מיט א האלבע פארשלאפענע מויל. זייער גוט, ס'איז מיר נאך געבליבן צייט צו צוגיין דא נאנט צו א שיך סטאר קויפן שיך, נאכדעם וואס איך בעט שוין לאנג דעם אייבערשטן איך זאל קענען קויפן נייע שיך.

א שמייכל'דיגע פארקויפערין נעמט מיך אויף, און העלפט מיך אויסקלויבן עפעס צו מיין געשמאק עס זאל מיר זיין גוט און באקוועם, די פארקויפערין מיט א געטריישאפט טראגט און ברענגט און מעסט, און ווערט גארנישט מיד.

דערווייל קומט אריין אין געשעפט א פערצן יעריגע מיידל און זי גייט גראד צו צו א סארט שיך וואס ליגט אין דער זייט און זי פרעגט: "איר האט אפשר נאך פון די סארט שיך מיט די גאלדענע שלעסעלע אין די זייט? מיין חבר'טע האט אזעלכע שיך און איך מוז עס אויך האבן. ביטע!"

**איך טראכט צו מיר: נעבעך, א רחמנות אויף די מיידל, ווען זי וואלט ווען געלערנט אין בית פיגא וואלט איר ניטאמאל בייגעפאלן אז זי דארף גיין מיט די זעלבע שיך ווי איר חבר'טע. שוין, אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט וועט מען זען ווען משיח וועט קומען...**

דערווייל קומט נאך א פרוי אריין

# פאר די ברסלב'ע שטוב

אין געשעפט און זי רופט זיך אן: "איך האב דא פאריגע וואך געקויפט שיך, איך האב עס גענוצט איין נאכט ביי א חתונה, (נעבעך וויפיל געלט געבן מענטשן אויס פאר די פינף נישטיגע שעות.) די פארקויפערן גייט צו צו איר און סערווירט איר מיט געדולד, הערט אויס. שמייכלט. און פארזיכערט איר מיט הילף.

מיין הארץ גייט שוין ממש אויס פון רחמנות אויף די פארקויפערן, זי לויפט אהער און אהין און זי קריכט נישט ארויס מיט איר ארבעט.

יעצט וויל איך שוין אהיים לויפן. איך בענק זיך צו מיין קליינער שלומי'. איך האף נאר אז ער וויינט נישט ביי די בעביסיטער...

א סעקונדע... איין מינוט. וואס פונקטליך האסטו געטראכט מיט א האלבע שעה צוריק?



# פאר די ברסלב'ע שטוב

אה?,

האסט שוין פארגעסן?... דו האסט געטראכט מיט א האלבע שעה צוריק: "ווי גוט וואלט געווען ווען איך האב נישט אזא מחנה קינדער"... און דא פלוצלינג בענקסטו זיך צו דיינע קינדער?

איך בלייב שטיין אזוי פארשעמט פון זיך אליין. דו טראכסט אזעלכע מחשבות? ביסט אויפן קאפ געפאלן? אמת, ס'איז געווען א שווערע פרימארגן מיט ציין ווייטאג, אבער פון דא ביז טראכטן אזעלכע מחשבות איז נאך די וועג זייער לאנג.

ווי וואלט איך אויסגעקוקט אן מיינע זיסע קינדערלעך? איך וואלט אויפגעשטאנען זעקס אזייגער צופרי מיט שטארקע ציין ווייטאג, זיך מסדר געווען און אנגעגרייט צו גיין צום דענטיסט, און?... וואס וואלט איך געטון ביז 10:30? איך וואלט דאך אראפ פון זינען פון יסורים, מיין גאנצע מח וואלט געלעגן אין די פארווייטאגטע צאן און מיר נישט געלאזט קומען צו די כוחות. נאך א נס איך האב אזא הערליכע מחנה קינדער, אזוי האב איך זיי געדארפט צוגרייטן צום חדר און סקול, איך בין געווען פארנומען מיט זיי די גאנצע צייט פון ווען איך בין אויפגעשטאנען ביז איך בין ארויס צום דענטיסט. איך האב געוואשן, געראמט, געקאכט, צוגעגרייט עסן פאר די קינדער, געזאגט מיט זיי מודה אני, זיי געוואשן נעגל וואסער, זי געגעבן גוטע ווערטער. זיי באגלייט צום חדר און סקול, דאס איז נאר היינט ווען מיין ציין טוט מיר ווי. ווער רעדט נאך פון אלע אנדערע צייטן וואס איך פיל מיך יא גוט און איך האב נישט קיין ציין ווייטאג.

איך ארבעט נישט שווער? אוודאי ארבעט איך שווער, און אוודאי ענדיגט זיך נישט די ארבעט, נאר וואס דען?. אבער ווער ארבעט נישט שווער? וועלכע ארבעט ענדיגט זיך יא?...

איך האב דאך געזען ווי שווער די סעקרעטארין ארבעט אן אויפהער און זי ווייסט ניטאמאל פארוואס זי ארבעט... זי דרוקט צעטלעך, דרוקט קנפלעך אן וואס זי זאל וויסן פארוואס און פארווען... באשטימט אפוינטמענס און זאגט אפ אפוינטמענטס, רופט מענטשן און זאגט אפ מענטשן, זי ארבעט זייער שווער און איר ארבעט ענדיגט זיך נישט.

די זעלבע איז מיט די דענטיסט, און אזוי אויך די פארקויפערן אין שיך סטאר, **דער עולם איז פארנומען מ'קומט און מ'גייט, מ'גייט און מ'קומט,** אבער איך?. איך ארבעט טאקע שווער און מיין ארבעט ווערט זיך מיטן אייבערשטנס הילף קיינמאל ענדיגן (כל זמן איך וועל לעבן אויף דער וועלט), אבער איך ארבעט מיט א העכערע ציל! איך ווייס פארוואס איך וואש וועש! איך וואש וועש כדי מיינע טייערע קינדערלעך זאלן האבן וואס צו אנטון ווען זיי גייען אין חדר לערנען די הייליגע תורה! איך וואש וועש כדי מיין מאן זאל האבן וואס צו אנטון ווען ער גייט צו די ארבעט ברענגען פרנסה פאר אונזער בית המקדש! איך רייניג די שטוב כדי מיינע קינדער זאלן ליב האבן א אידישע שטוב, מיינע קינדער זאלן זען ווי שיין און ווי זיס אידישקייט איז! איך קאך עסן כדי מיינע קינדער זאלן זיך קרעפטיגן און האבן כח צו לערנען אין חדר די הייליגע תורה, און לערנען אין סקול ווי אזוי צו פירן א אידישע שטוב! איך וואש די טעפ און געשיר כדי איך זאל מיך אליין ליב האבן, איך זאל מיך אליין שעצן פארן טון אזוי פיל הייליגע ארבעט.

איך ווייס אז איך הארעווע ביטער שווער פארן אייבערשטנ'ס כבוד און פאר די תכלית וואס פאר דעם איז די וועלט באשאפן געווארן, עס זענען דא ביליאנען מענטשן אויף דער וועלט און איך בין די אויסגעקליבענע פרוי וואס דער אייבערשטער האט איר געגעבן צו קער נעמען פון איר בית המקדש.

**איך ווייס שוין וואס מיין ארבעטס שטעלע איז !!!**

**דער אייבערשטער האט מיר אויפגענומען פאר זיין סעקרעטאר!** וואו אין דער וועלט איז דא א שענערע ארבעט פון מיין הייליגער ארבעט?...

...

איך ארבעט נישט שווער? אוודאי ארבעט איך שווער, און אוודאי ענדיגט זיך נישט די ארבעט, נאר וואס דען?. אבער ווער ארבעט נישט שווער? וועלכע ארבעט ענדיגט זיך יא?...



# מעשה פון תפלה פאר קינדער

ציפורי בירנבוים תחי' פון קרית ברסלב פארציילט:




געמאלן דורך: מלכה בירנבוים תחי

שמואלי בירנבוים נ"י פון קרית ברסלב פארציילט:




געמאלן דורך: שמואלי בירנבוים

# קליין און שיין



אליעזר שלמה אפפעל הי"ו
קרית ברסלב



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל
אהערגעשטעלט פיתום ורעמסס
מיט די קליקס



**שיקט אריין**

**א בילד**

**פון אייער קינד**

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

# בעט דעם באשעפער וועט ער דיר געבן דער עיקר איז נישט אויפגעבן



| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צ | א | א | ג | ע | נ | ל | ה | א | ב | ג | פ | מ | ט | ס | ז | כ | פ | ר | ב | ע | ט | א |
| ש | ח | מ | ו | ס | פ | ב | ע | י | ק | ר | ז | נ | ר | ו | ר | ב | מ | ס | ר | ת | ת | ר |
| ה | י | ז | ע | י | ת | ס | ט | ז | ח | ק | י | מ | ד | מ | ו | ה | י | מ | ו | ע | ק | ו |
| ח | ע | ב | פ | א | פ | נ | ת | י | כ | א | ר | ד | ב | נ | ז | ע | ד | ד | ת | ח | ד | ג |
| ט | ז | ז | ע | ס | ו | ג | פ | ח | ב | א | מ | מ | נ | ר | ע | מ | פ | מ | ר | ח | נ | א |
| מ | ז | ו | מ | ג | ס | ו | ע | ח | פ | פ | ו | ת | י | ר | ע | פ | ע | ש | א | ב | ט | ט |
| ג | ו | ט | ק | נ | כ | ד | ש | ב | ס | ד | ק | ג | ש | מ | ת | ת | א | י | ב | כ | ל | ד |
| ת | ח | ח | י | ז | ר | מ | כ | ב | נ | ע | ס | ח | ט | ק | ז | ח | ע | כ | ד | ר | נ | ח |
| ז | י | ו | ו | ע | ט | ל | ו | ר | ה | מ | ו | ד | ר | ע | צ | ג | פ | ב | ע | א | ט | ז |
| ת | נ | ש | ט | ט | ק | ס | ש | ת | ח | י | פ | י | ע | פ | ז | מ | ס | ה | פ | ק | ו | ב |
| א | ב | ע | ז | ק | ד | ג | כ | ה | ה | מ | א | ר | ל | א | א | פ | ד | ר | ס | ש | צ | ד |
| נ | נ | ב | ע | ג | ל | ד | ק | ל | מ | ס | צ | מ | ת | א | ו | ו | ט | ח | ח | ב | ל | צ |
| כ | א | נ | ס | י | ש | כ | ק | ט | ק | מ | מ | ת | א | ב | ה | ג | א | ה | ה | ת | פ | ד |







## העלף נחמן נתן זאגן משניות אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת - חלק שני

**א.** עַל יְדֵי שֶׁקֶר דְּבָרָיו אֵינָם נִשְׁמָעִים. גַּם עַל יְדֵי שֶׁקֶר מְאַלְמֵן, חַס וְשָׁלוֹם, כַּמָּה נָשִׁים.

**טייטש.** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט לִיגְנְט, מַאכְט דָאס אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן. אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דָאס אַז אַסַאךְ פְּרוֹיעֶן זָאלְן וֶוערְן אַלְמָנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| 6 | | | | 3 | |
| | | 3 | | | |
| 2 | 1 | | | | |
| | 4 | | 2 | | 6 |
| | | | 1 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 5 | | 4 | 1 | 3 | | 2 | |
| 1 | | 3 | 2 | | 8 | 4 | | 6 |
| | 8 | | | | | | 1 | |
| 5 | 1 | | | 6 | | | 4 | 7 |
| 3 | | | 9 | | 5 | | | 1 |
| 6 | 7 | | | 3 | | | 5 | 9 |
| | 2 | | | | | | 6 | |
| 8 | | 1 | 5 | | 9 | 7 | | 4 |
| | 3 | | 6 | 8 | 7 | | 9 | |



# חידות

## אפטיילונג

דער הייליגער רבי האט געזאגט:
ווען איינער וואלט מיר געזאגט
אין די יונגע יארן ווען איך האב
אנגעהויבן דינען דעם אייבערשט
די ווערטער __________ וואלט איך
געלאפן מיט א פלינקקייט צו דינען
דעם אייבערשטן

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן: שבת דארף מען

ענטפער: נאר פרייליך

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**נעכא ליבא זוסמאן תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת וארא?

### פון אויבן אראפ.

1. עס איז געווען אזא שמחה צווישן אנשי שלומינו זיך צו _____ איינער מיט'ן צווייטן
3. ערשטע זאך דאנקען און _____ דעם אייבערשטן, צווייטנס בעטן דעם אייבערשטן מיט סבלנות
5. היטן די _____ איז די וויכטיגסטע זאך
6. מען דארף דאס גלייך פארטרייבן, נישט לאזן אין זיך קיין ברעקעלע _____, נאר זיין פריילעך
8. תהלים איז די _____ פאר אלעס גוטס
11. פארליר נישט פאר קיין איין רגע די _____
12. יעדע קינד וואס וועט קומען צו מיר פאר די _____ יאר, וועט גיין צו די חתונה מיט א ריינע העמד
13. אויף יעדע _____ זאל מען לויבן דעם אייבערשטן
16. מיר האבן געדאנקט דעם אייבערשטן אז מיר האבן א _____ וואס האט אזוי רחמנות אויף אונז
17. דו זאלסט נעמען פאר דיר די מצוה פון געבן _____ ווערטער פאר יעדן איינעם
19. א מענטש מאכט זיך א _____, אבער דער אייבערשטער מאכט סאך א בעסערע פלאן

### פון רעכטס צו לינקס.

2. אז איר טראכט אז יענער קוקט אייך _____, איז דאס אייער פראבלעם
4. במשך די נסיעה פון דריי איז געווען _____ שיעורים
7. יעדער איינער קען _____טון, און אויף יעדע עבירה קען מען תשובה טון
9. בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן אז דיינע קינדער און אייניקלעך זאלן זיין צוגעבינדען צום _____
10. הלואי וואלסטו אויך עוסק געווען אין _____ נאך געלט
14. מען קען זוכה זיין צו די העכסטע דרגא, אז מען זאגט תורה, מען זאגט _____ און גמרא
15. זייט אייך נישט מייאש, _____ אייך נישט, געבט נישט אויף, עס וועט נאך זיין גוט
18. אז מען רעדט _____ _____ ווערט מען אויסגעריסן פון די וועלט
20. ענדערש נעמען די געלט וואס דו ווילסט אויסגעבן פאר די _____, און טון צדקה מיט דעם





# בילדער
## אפטיילונג



קרעדיט: יוסי פררויא

די בחורים אין ישיבה ליינען דעם בריוו פונעם ראש ישיבה באשריבן די נסיעה קיין ארץ ישראל - ב׳ וארא



קרעדיט: משה יחיאל פעלדמאן

מסיבת בן גמלא אין שטוב פון מו״ה משה יחיאל פעלדמאן - א׳ וארא



קרעדיט: יוסי פררויא



קרעדיט: יוסי פררויא

חתונה פון החתן בנציון אפּפעןהיים הי״ו - ב׳ וארא



קרעדיט: שמעון אײַנהארן



קרעדיט: שמעון אײַנהארן

מען בויעט פרישע הייזער אין שטעטל אויף די באַרדיטשוב גאס



קרעדיט: מאטי הײמליך



קרעדיט: מאטי הײמליך

**שײן געפֿינט דעם בית המדרש אשר בנחל אין שטעטל**
**געספאנסערט ביי האברך מו"ה מעכל ראזענפעלד הי"ו**



קרעדיט: יצחק ראטה

**באקוועמע האלטער פאר אלע גליונות אין פארנט**
**פון בית המדרש היכל הקודש בית שמש**




קרעדיט: נחמן נתן בוים

**די סטעפלער מאשין אין בית הדפוס אנגעקומען**
**צום אסטראנאמישן נאמבער 1 מיליאן 200 טויזענט**



קרעדיט: משה ראזענבערג

**סיום מסכת ברכות ירושלמי אין היכל הקודש ירושלים**
**ליל ששי וארא**



**הפצה פארברענג אין היכל הקודש בארא פארק**
**ליל ששי וארא**



קרעדיט: אברהם פרידריך



קרעדיט: אברהם פרידריך

**שבת התוועדות מיט די בחורים וואס האבן**
**אריינגעברענגט געלט פאר די ישיבה**



קרעדיט: אייזיק ראטה

**חנוכת הבית און סיום מסכת ברכות ירושלמי, און היכל הקודש ספרינג וואלי - ליל ששי וארא**



קרעדיט: אייזיק ראטה

**דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם לעצטן דף**



קרעדיט: שמעי' וואקס

**אין א שמועס מיט אנשי שלומינו נאכן שיעור**



קרעדיט: שמעי' וואקס

**נאכן שיעור**



קרעדיט: הערשל זאבעל

**ביים אנגרייטן דעם מעמד**